Lodzer Tageblat № 147

Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem

פרייז 30 גראשען

לאָדזשער טאַגעבלאַט

היינט 12 זייטען

24-טער יאהרגאַנג | 26 czerwca 1931 r. | פרייטאָג, פ' חקת-בלק י"א תמוז תרצ"א | רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 100-57, פון אַדמיניסטראַציע 100-47.

העלענאוו ■ זונטאג ד. 28-טן יוני קומט פאר די ■ העלענאוו

זומער פרעסע-רעדוטע

דער קולמינאַציאָנס-פונקט וועט זיין דער באקס-מעטש לאדז-פוידזען, ווי אויך ארטיסטישע אטראקציעס און א באלעט

1000 איבעראַשונגען ◆ דאַנסינג ◆ לאטעריע ◆ קינדער-פערוויילונג ◆ און נאך אנד. ◆ אנהויב 3 נאכמיטאג

„RAKIETA"

Pod kierunkiem artystycznym Kazimierza Brzeskiego
(W teatrze Popularnym, Ogrodowa 18 Telef. 178-00)

OSTATNIE 3 DNI!!!
Najwspanialszego widowiska sezonu p. n.:

Złote Szaleństwo

z Romualdem Gierasieńskim na czele świetnego zespołu] Początek o g. 8 i 10 wiecz. w soboty i niedzieli o g. 6, 8 i 10 Sala wentylowana specjalnie sprowadzonemi maszynami. Wobec spodziewanego natłoku uprasza się o przychodzenia na wcześniejsze seanse.

Dr. med. B. From
ספעציאַל-אַרצט פאַר אַקושער און פרויען-קראַנקהייטען
צוריקגעקומען
Zawadzka 46 telefon 142-61
נעמט אָן פון 1 ביז 2 און פון 7 ביז 8 אָוונט.

Dr.med.
Adam Bender
אינערליכע ספעציעל נאַרוואַרישע
האַרץ-קראַנקהייטען
ספּל. 30, טעל. 214-75
נעמט אָן פון 5 ביז 7 נאָכמ.

אנאנסען
האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג נאָר אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט"

הננו מברכים בברכת מזל-טוב לכ"ק אדמו"ר שליט"א מפאקזשיוויניצא בלודז לנשואי בתו הכלה תחי' עם ב"ג החתן החריף ובקי איזיק'ל שליט"א. יהי רצון שיראה נחת מהם ומכל יוצאי חלציו.

החסידים בוורשה, בטרנוב, בצוזמיר, בקלימנטוב, אוו'ירוב.

גם אני בין המברכים:
אברהם אבישהורביץ אבדק"ק ידלובה יצ"ו.

דאַנקזאַגונג.

די אַלע דאַמען און הערען, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין אָפּצייכנונגס-טאָג לטובת דעם פעראיין „מלביש ערומים" דריקען מיר אויס אַ האַרציגען דאַנק.

די פערוואַלטונג פון פעראיין „מלביש ערומים"
סקווערנאָוואַ 15.

אויפפאָדערונג.

דעם ה' א. זוזעווסקי, וועלכער פערנעמט אויף ציגעל-גאַס 13 3 שטובען מיט אַ קיך און ער איז שולדיג פאַר 2 יאָהר דירה-געלד, פאָדער איך אויף אויסצופּלעדיגען די דאָזיגע דירה און בין איהם גרייט צו שענקען דאָס דירה-געלד. איך מוז דעם ה' זוזעווסקי וואָרענען צום לעצטען מאָל, אַז צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט מקיים געווען דעם פסק-דין פון הרב סעגאַל און זיך נישט אַרויסגעצויגען פון דער וואוינונג ביז'ן 1. מאַי, וועל איך געצוואונגען זיין אויסצופיהרען די עקסמיסיע געגען איהם.

דער אַדמיניסטראַטאָר
פון צעגעלניאַנאַ 13.

וויכטיג פאַר זאַקען-פאַבריקאַנטען

כ'נעם אָן צו דרוקען שטרימף, סחורות, קעטען א. א. וו. אין די נייעסטע מוסטערן

אַרטיסטישע דרוקעריי

„Artodruk"

לאָדז, אַגראַדאָווא 9 (2 הויף 2 שטאָק)

את חברנו יחיאל פישל קוזלובסקי, יושב-ראש של החברה „כנסת צעירים" בלודז לאירושיו את העלמה העדינה מרת

לאה קוזלובסקה

הננו מברכים בברכת מז"ט חמה ולבבית

ועד של החברה „כנסת צעירים" בלודז.

צו דער חתונה פון אונזער חבר

יחיאל פישל קאָזלאָווסקי
מיט פרל. לאה קאָזלאָווסקא

ווינשען אַ הערצליכען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט

יעקב בעער, מנחם אפּפעל, ברוך קראַנץ, פּרץ גרינבערג, יוסף קופערשמידט.

מזל טוב!

צו דער חתונה פון אונזער ח' פריינד און מיטגליד ה' יצחק פעלדמאַן מיט פרל. פייגה שרה שראַקאָווסקאַ, וואָס קומט פאַר היינט, ווינשען מיר זיי אַ גליקליך און צופרידען צוזאַמענלעבען.

חברה הדרת צעירים בלודז
ווסכאָדניאַ 27.

פּראָטעסטען

אויף חיים יצחק גרויס
פּאָלודניאָווא 20 זוך איך צו קויפען אָדער איינקאַסירען.
אָפערטען אין רעדאַקציע אונטער „777".
2979

ביום הראשון י"ג תמוז, 28.6, יום השלושים לפטירת האשה החשובה ונכבדה

נ"ע עלקה אלטרמן

תערך בשעה 10 בבוקר בבית-הכנסת ע"י החברה „מחכה לזקנים" פּאָמאָרסקאַ 54 אזכרה לנשמתה.

כל קרוביה ומכבדיה גם כל חברי מוסדנו מתבקשים לבוא בדיוק.

הועד.

יין כשר!

אויב איהר האָט נאָך נישט געטרונקען דעם בעוואוסטען ראָזינען-ווין „פּראַגרעס № 7" דאַן איבערצייגט אייך, אַז איהר בערויבט אייך און אייער פאַמיליע הנאה צו האָבען פון גוטען וויין, וואָס קאָסט זעהר ביליג.

צוליב אַ רעקלאַמע פערקויפען מיר

אַ פלאַש פון 1/4 ליטער נוטער ראָזינען-וויין № 7 נאָר 65 גראָשען

אַ בוטשינקע דעם זעלבען נומער 1.50 זל.
אַ קוואַרט 2 זלאָטים.

אַלע סאָרטען ווינען פון די פירמע „פּראַגרעס" איז צו בעקומען ביי ה' בלאַנקעט, גלובנא 69

לערע פלעשער צאָהלען מיר 5 גראָשען 1/4-ליטערדיגע און צו 10 גר. בוטשינקע און קוואָרטענע

מיט אַכטונג
ווייז- און מעהד-פאַבריק
פירמע „פּראַגרעס"
אַלטער מאַרק 2, טעל. 184-82.

אַ פּראַנט-לאָקאַל

מיט אַ וויטרינע און אַנשליסענדען גרויסען צימער אויף צעגיעלניאַנאַ 8 (פריהער 40) צו פערמיטען.
צו ערפאַהרען: טעלעפאָן 210-75 אָדער 210-79. 2983

אַכטונג!

פּענסיאָנאַט „שער"

גלאָוונאָ נאָווי-אַטוואָצק

מאַכט בעקאַנט די ג' געסט, אַז ביז'ן 15. ליפּיעץ צו ביליגע פּרייזען.

דער פּענסיאָנאַט געפינט זיך אין ה' שראַדזקי'ס ווילע אין אַלטען גרויסען טרוקענעם סאָסנאָווען וואַלד. עמפעהלט טרוקענע זוניגע צימערן, כשר'ע קיך, ראַדיאָ-קאָנצערטען, דאַנסינג פאַר יוגענד, אַ ספּעציעלער טאַנץ-זאַל. זעהר ביליגע פרייזן. גינסטיגע בעדינגונגען.

גענויערס צו ערפאָהרן ביים פּענסיאָנאַט-אינהאָבער שער, גלאָוונאָ.

בריפליך: Pensjonat Szer, Głowno

מאַשין-מצות

ווערט געבאַקען אַלע טאָג פרישע און דינע און מצה-מעהל, אייער-פערפעל ווי אויך סובאָרהעם לויט קאָרלסבאַדער סיסטעם

מיר עמפּעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט בעקאַנטע און פיינע געבעקסען פון אונזער

איבעראַל בעוואוסטער צוקערניע

נ. וויינבערג

38 פּעטריקאָווער 38
טעלעפאָן 143-82

פרישטיגע, אָוונט-ברויט ווי אויך „יאַרסקע" מיטאָגען

ווערען אַרויסגעגעבען טעגליך

הכחשה און ערקלערונג

אין שייכות מיט דער נאָטיץ אין אייער ווערטער צייטונג № 129 וועגען דער עקסמיסיע פון לאָקאַטאָר וואָלטשאַנסקאַ 15, ערקלער איך, דאָס ה' זייאַנטץ איז לויט דעם פסק ב"ד וואָס מיר האָבען געהאַט ביי הרב ר' חיים אלעזר זינגער, ווסכאָדניאַ 51, גערעכט געווען, און איך האָב צו איהם מעהר קיין טענה און איך בעט ביי איהם ענטשולדיגונג

העניך סטאַשעווסקי.

Dr. EBIN

akuszer-ginekolog

powrócił

Aleja Kościuszki 39, telefon 120-35.

פּענסיאָנאַט פאַר קינדער

איז קאָלי

טראַמוויי-סטאַציע ביים שאָסע (זגערזש-קאָנסטאַנטין) אין אַ הערליכער טרוקענער געגענד אין דער ווילע פון ה' גאָלדבערג. זאָרגפעלטיגע אויפזיכט.
— קינדער ווערען אָנגענומען פון 5 יאָהר אָן. —
אינפאָרמאַציעס אויפ'ן אָרט טעל. 127-98 אָדער אין שול קאָנצעלאַריע פון גאָלדבערג אַל. 1. מאַי 16.

געלעגענהייטליך און זעהר ביליג

צו פערקויפען

1/16 טייל, עווענטועל 1/4 הויז אויף יעראָזאָלימסקאַ 8.
צו ערפאַהרען ביי ווינקראַנץ, נאָוואָמיעסקאַ № 27 פון 8 ביז 9 אַ זייגער פריה.
2997

גלאָוונאָ

פּענסיאָנאַט „Zdrowie"

(3 מינוט גאַנג פון דער באַהן-סטאַציע) קאָמפאָרטאַבעל איינגעריכטעט

שטרענג כשר'ע קיך — צוגענגליכע פרייזען.

שטענדיגע מעדיצינישע אויפזיכט.

צו ערפאַהרען אין לאָדז: טעל. 205-73 און אין גלאָוונאָ-טעל. 16.

אַ ספּעציעלע אויפזיכט פאַר אונטעררייכטס-הילף איבער שול-יוגענד בעת די פעריען.

ווײטערע אַנטיסעמיטישע אומרוהען אין סאַלאָניקי

גריכישע נאַציאָנאַליסטען צושלאָגען די פֿערוואַלטונגס-מיטגלידער פֿון „מכבי" און געפּרובט אונטערצינדען דעם לאָקאַל

שטאַרקע פּאָליצײ-פּאַטרולען איבער די גאַסען פֿון שטאָט

אַטען (ט) ווי מען מעלדעט פֿון סאַלאָניקי זענען הײַנט ווידער דאָרט פֿאָרגעקומען אַנטיסעמיטישע אומרוהען. גריכישע נאַציאָנאַליסטען האָבען זיך אַרײַנגעריסען אין לאָקאַל פֿון „מכבי", בעת אַ זיצונג פֿון דער פֿערוואַלטונג, האָבען דעמאָלירט דעם לאָקאַל, געשלאָגען די פֿערוואַלטונגס-מיטגלידער און געפּרובט אונטערצונדען דעם לאָקאַל. די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט זיי אָבער געשטערט דערין. אַלע יודישע אינסטיטוציעס זענען געשטעלט געוואָרען אונטער פּאָליציישער שמירה. שטאַרקע פֿוס און רײַטער-פּאַטרולען געהען צרום איבער דער שטאָט.

Zabierz radjo na letnisko
Będziesz miał stolicę blisko

שווערע תּפֿיסה-שטראָפֿען פֿאַר די דירעקטאָרען פֿון אַ באַנקראָטירטער באַנק אין ניו-יאָרק

ניו-יאָרק, 25 יוני (יטא) דאָ איז פֿאָרגעקומען דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס געגען דער באַנקראָטירטער „באַנק אָף יונײַטעד סטײטס". פֿונם באַנקראָט, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דעצעמבער פֿון פֿאָריגען יאָהר האָבען געליטען זעהר פֿיל יודען.

עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז אין דער באַנק זענען באַגאַנגען געוואָרען זעהר פֿיל מיסברויכען און שווינדלערײַען און דערײַבער איז די באַנק-דירעקציע צוגעצויגען געוואָרען צו פֿעראַנטוואָרט-ליכקײַט.

אָנגעקלאַגט זענען געוואָרען דער פּרעזידענט בערנאַרד מאַרקוס ווי. פּרעזידענט שאול זינגער, דירעקטאָר הער-בערט זינגער און ווי. פּרעזידענט העגריק בעלאַק.

בערנאַרד מאַרקוס איז פֿערמשפּט געוואָרען אויף 3 יאָהר תּפֿיסה, שאול זינגער אויף 6 יאָהר, הערבערט זינגער — 4 יאָהר אויסבעסערונגס-הויז און דער פּראָצעס פֿון העגריק בעלאַק איז אויסגעטײלט געוואָרען בעזונדער.

כוליגאַנישע אָנפֿאַלען אויף יודען אויף די גאַסען פֿון ווילנע

ווילנע, 25 יוני (יטא) נעכטען אָווענד האָבען די האַקען-קרײַצלערישע סטודענטען אײַנגעאָרדענט אַ מיטינג, דערנאָך זענען זיי באַפֿאַלען אַ רײַהע יודישע לאָקאַלען און אויסגעהאַקט די שויבען. בעפֿאַלען עפֿענטליכע לאָקאַלען און געשלאָגען די יודען.

15 כוליגאַנען זענען אַרעסטירט געוואָרען.

אַמעריקאַנער עקראַן-פֿליהער אָנגעקומען קיין מאָסקווע

מאָסקווע (ט) די אַמעריקאַנישע לופֿט-פֿליהער פּאָסט און גאַטי זענען הײַנט 7 אָווענד אָנגעקומען מיט זייער אַעראָפּלאַן קיין מאָסקווע און זיך גלייך אַראָפּגעלאָזען אויפֿ'ן פֿליה-פּלאַץ.

מקבל פּנים זײַן די העלדישע אַמעריקאַנישע אָקעאַן פֿליהער, וואָס מאַכען אַ פֿליה איבער דער וועלט, זענען געקומען די פֿאָרשטעהער פֿון אויסערן-קאָמיסאַריאַט, דער פֿיהרער פֿון לופֿט-פֿאָסט באַראַנאָוו, גענעראַל-סעקרעטאַר פֿון אָסאַוויאַכים און די פֿאָרטרעטער פֿון דער ענגלישער און אַמעריקאַנישער פּרעסע. די לופֿט-פֿליהער האָבען ערקלערט, אַז ניט קוקענדיג אויפֿ'ן שלעכטען וועטער האָבען זיי זיך גוט געפֿיהלט אין וועג. די אָסאָאַוויאַכים האָט די לופֿט-פֿליהער אָפּגערעדט צו פֿליהען בײַנאַכט איבער סיביר.

אומזיסט שאַכלאַד

מיר מאַכען אויפֿמערקזאַם אויפֿ'ן קופּאָן, געדרוקט אויף זייט נומער 12 אויף צו בעקומען אומזיסט שאָקאָלאַד „אָפּטימאַ".

אַכטונג האַנדוועבער

אין דער וועבערײַ פֿון „אָרט" זענען פֿאַראַן אייניגע פֿרייע ערטער זיך צו לערנען קראַפֿט-וועבערײַ אויף ענגלישע שטילען גלאַט-קאַריר און זייד, ווי אויך אויף קאָרט-שטילען „שפּהנהער".

אַ קינד אַראָפּגעפֿאַלען פֿון 1. שטאָק

(ד) די 2-יעהריגע אוטאַ ראָזענבלאַט איז אַראָפּגעפֿאַלען פֿון ערשטען שטאָק אויף אַלעקסאַנדער גאַס 35 און זיך צו-בראָכען די הענטלעך.

—0—

קלאַנג
Grand-Kino
הײַנט הערליכע פּרעמיערע!
„ANGELITA"
מיטרײַסענדע דראַמאַ פֿון שגעון און לײַדענשאַפֿטען. אין דער טיטול-ראָל
Rene Adorée
וואָס קרעאירט די נײַע הערליכע קרעאַציע און איהר אונפֿערגעסליכער פּאַרטנער George Durgow
אויסערן פּראָגראַם: די תּענוגים פֿון פֿרייהייט" אויסערגעוועהנליכע קאָמעדיע אין 2 טיילען מיט'ן אַנטייל פֿון די הומאָר-קעניגע Hardy און Laurell. אויסערדעם אַ קלאַנג-צוגאַבע פֿון מעטראָ-גאָלדווין-מאַיער
אָנהויב 6 נאָכמיטאָג

פּראָפֿ. ווייצמאַן וועט נישט האַלטען די עקספּאָזע אויפֿ'ן קאָנגרעס

באַזעל, 25 יוני (יטא) צוליב דעם, וואָס פּראָפֿעסאָר ווייצמאַן מוז אויס-האַלטען אַ האַלדז-אָפּעראַציע, וועט ער נישט קענען האַלטען זײַן עקספּאָזע אויפֿ'ן קאָנגרעס.

די עקספּאָזע וועט האַלטען פּראָפֿ. בראָדעצקי.

וועלט-קאָנגרעס פֿון „ויצ"א"

באַזעל, 25 יוני (יטא) דאָ האָט זיך געעפֿענט די 6. וועלט-קאָנפֿערענץ פֿון „וויזאָ". עס זענען געקומען 70 דעלע-גאַטינס פֿון 21 לענדער. געעפֿענט די קאָנפֿערענץ האָט די עהרען-פּרעזידענ-טערין העגריעטע איר-עראַן.

בעגריסט די קאָנפֿערענץ האָבען לאָרד סעמועל, וויערא ווייצמאַן א. אַ. אויף דער צווייטער זיצונג זענען געלייענט געוואָרען די בעריכטען פֿון די לאַנדעס-אָרגאַניזאַציעס.

יודיש טעאַטער פֿילהאַרמאָניע
נאַרוטאָוויטשאַ 20.
אַ מאָביליזאַציע פֿון אַלע יוד. אַרטיסטען
מיט'ן אַנטייל פֿון אַמעריקאַנער געסט, וועלכע ווײַלען אין לאָדז
דער ליבלינג פֿון לאָדזער פּובליקום, בעוועהנער דירעקטאָר פֿון לאָדזער „סקאַלע טעאַטער"
הערמאַן שעראַצקי, דער בעוואוסטער פֿילם אַרטיסט און זינגער **פּנחס לאַוועגדאַ**
געסט פֿון דער „ווילנער טרופּע"
וועלט בערימטער מאַלקע - אַרטיסט **י. אַ. סאַמבערג**, בעקאַנטער אַר-טיסט, רעזשיסאָר **יעקב ווייסליץ**,
ש. לאַנדוי און שמחה נאַטאַן
געסט פֿון דוד הערמאַן-טעאַטער
פּרעמיער, און לאָ-דזשער ליבלינג **יוסף קאַמען**, גוט בעקאַנטער אַר-טיסט, דעקלאַמאַטאָר **יחיאל ראַקאָוו**

סענסאַציע! ● איבעראַשענדע נייעס!
גרויסע איבעראַשונג!
2 פֿאָרשטעלונגען פֿאַר 1 בילעט
פֿאַר יונג און אַלט, פֿאַר גרויס און קליין, פֿאַר אַלע, וואָס ווילען האָבען פֿערגעניגען, נוצט אויס די געלעגענהייט!
מאָרגען שבת, ד. 27. יוני
נאָר איינמאָל!
אַנ'אויסערגעוועהנליכע פֿאָרשטעלונג!
פֿון 9 אָווענד ביז האַלב 12 אַ זייגער
די בעליבטע פּיעסע פֿון סיגאַל
גאַסען=קינדער
אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ.

אַנטייל נעמען לויט א.ב.:
אריעל דוד
ביאַלקאָוויטש חנה
ביאַלקאָוויטש ישראל
בוימאַן רעגינאַ
באַלבירסקי הערש
בלאַט אברהם
דראַנאָוו מרדכי
האַמבורגער דוד
טופּמאַן מאַניאַ
טופּמאַן יהושע
לובאַרטאָווסקאַ רעגינאַ
לידנער שמואל
פּאָזנאַנסקאַ שרה
פֿאָדערמאַן חנה
צווייליך חנה
צווייליך ישראל
באַלעט-מייסטער
ב. לייבאָוויטש א. א.

פֿון האַלב 12 אַ זייגער ביז 1 אַ זייגער בײַנאַכט
אַ גרויסע מלוה מלכּה
צוזאַמען מיט דעם פּובליקום
דער קאָנפֿעראַנסיער מיט דער מלוה מלכּה פֿיהרט אָן דער אַמעריקאַנער גאַסט ה' הערמאַן שעראַצקי.

מיט'ן שלאַכט פֿון דער מאָביליזירטער אַרמעע פֿיהרט אָן דער גוט בעקאַנ-טער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פֿון ריגער יודישען „מלוכה טעאַטער" **דוד ביגעלמאַן**

געשעפֿטס-פֿיהרער: **איסר בעזמאַן**
פֿרייה-קאַרטען נישט גילטיג. אום אויסצומיידען אַ געדראַנג ביי דער קאַסע ווערט געבעטען זיך צו פֿערזאָרגען פֿריהער מיט בילעטען
בילעטען צום פּרייז פֿון 1 זל. אָן שוין צו בעקומען אין קאַסע פֿון פֿילהאַרמאָניע

פּאָבאָר 1910

הײַנט, מאָנטאָג דאַרפֿען זיך צו-שטעלען פֿון יאָהרגאַנג 1910 פֿאַר דער קאָמיסיע 1 (זאַקאָנטנאַ 82) פֿון 2, 3, 5, 8, 9, און 11 קאָמיסאַריאַט, וועלכע האָבען צוליב גאַנץ ערנסטע טעמים זיך נישט געקענט צושטעלען צו דער פּאָבאָר-קאָמיסיע.

פֿאַר דער קאָמיסיע 2 (אָגראָדאָוואַ 34) יאָהרגאַנג 1911, 1912, 1913 (פֿרייוויליגע) פֿון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14 קאָמיסאַריאַט.

פֿאַר דער קאָמיסיע 3 (אַלעע קאָש-טשושקי 21) דאַרפֿען זיך צושטעלען די יונגעלייט פֿון יאָהרגאַנג 1908 ביז 1909 פֿון 1, 4, 6, 8, 10, 12, 13 און 14. קאָמיסאַריאַט, אויב זיי זענען נאָך ניט ביז איצט געשטאַנען פֿאַר קיין פּאָבאָר קאָמיסיע.

די פּאָבאָר-פֿליכטיגע דאַרפֿען מיט זיך מיטנעמען זייערע פּערזענליכע דאָ-קומענטען און די בעשטעטיגונגען, אַז זענען אַרײַנגעצויגען געוואָרען אין די פּאָבאָר-ליסטעס.

אויספֿלוגען פֿון דער יודישער געז. פֿאַר לאַנד-קענטשאַפֿט

די הײַנטיגע אָפּטײלונג פֿון דער יודישער געזעלשאַפֿט פֿאַר לאַנדקענטשאַפֿט אָרגאַניזירט פֿאָלגענדע אויספֿלוגען.

זונטאָג, ד. 28. ד. ח. איינ-טאָגיגער אויספֿלוג קיין אַלעקסאַנדער און לאַ-באָדוש. ד. 28 און 29 ד. ח. — טאָמאַ-שאָוו, כּפֿאַלע און אומגעגנט. פֿון 15 ביז'ן 30 יולי — קראָקע, וויעליטשקע, אויצוב און זאַקאָפּאַנע.

ס'ווערען נאָך אָנגענומען אײַנשרײַבונ-גען אויף די טוריסטישע אַפּרוי-קאָלאָני-יעס אין קאַזשימיעזש און זאַקאָפּאַנע.

דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג מאָנ-טאָג, מיטוואָך און פֿרײַטאָג פֿון 8—10 אָווענד (פּעטריקאָווער 56).

דער שליסעל צום ערפֿאָלג
איז אַן אַנאָנס אין „לאָדזער טאָגעבלאַט".

Krynica
Dr. Roman Kaufer
ordynuje w willi „Oleńka"
naprzeciw 3-ch Róż.

Dr. med Z. DATYNER
אוראָלאָג
ספּעציאַליסט פֿאַר נירען, בלאָז און אורין-קראַנקהייטען
Piramowicza 2, tel. 148-95
נעהמט אָן פֿון 9 ביז 10 פֿריה און 6—8 אָווענד.

Dr. med. Roman Bornsztein
ספּעצ. פֿאַר אינערליכע און נערווען-קראַנקהייטען
נעהמט אָן ווי אַלע יאָהר אין **Ciechocinek**
Willa „Ormund"

Dr. Ludwik Falk
נאַווראָט 7, טעל. 128-07
הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען
נעמט אָן פֿון 10—12 און פֿון 5—7 אָוונד.

Dr. med H. Różaner
ספּעציאַליסט פֿון הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען און קינדערלאָזיגקייט
נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 126-98
נעהמט אָן פֿון 8—10; 5—8 אָווענד
אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פֿאַר פֿרויען.

Dr. A. Mazur
וושטשאָדניאַ 65, טעל. 166-01
נעמט אָן פֿון 10—1.30 און פֿון 4—6 אָווענד

Dr. med J. LUBICZ
Chirurg-Ortoped
האָט זיך איבערגעצויגען
פּאָלודניאָוואַ 9, טעל. 43-17
ספּעציאַליסט פֿון ביינער- און געלענקס-קראַנקהייטען פֿערקרימונגען פֿון פּליי צעס און גלידער, ווי אויך פֿון גלידער שווינדזוכט.
נעמט אָן פֿון 3 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

Dr. med.
E. REICHER
ספּעציאַל-אַרצט
פֿאַר מענער-שוועכע, הויט, האָר און וועגערישע קראַנקהייטען, דיאַטערמיע-בעהאַנדלונג און עלעקטראָ-טעראַפּיע. פּאָלודניאָוואַ 28, טעלעפֿאָן 201-93.
נעהמט אָן פֿון 9—11 פֿריה און פֿון 5—9 אָווענד.
זונטאָג פֿון 9—1 מיטאָג.

Z prawami gimnazjów państwowych
Gimnazjum Humanistyczne Męskie
I. KACENELSONA
Śródmiejska 5, tel. 151-79 (dawniej Cegielniana 28)
די עקזאַמענס פֿאַר נייע שילער קומען פֿאָר. (לעקציאָנס-סיסטעם). מיט אָנמעל-דונגען, זיך ווענדען אין קאַנצעלאַריע טאָג-טעגליך פֿון 9 ביז 2 פֿאַרמ. און פֿון 5 ביז 7 נאָכמ.
אין דער פֿרעבעל-שולע (גן-ילדים) ווערען אָנגענומען קינדער אין עלטער פֿון 4 יאָהר.
אין די אָנפֿאַנגס-קלאַסען — פֿון 6 יאָהר אָן.
די דירעקציע.

Ciechocinek
וולאָצלאַווסקאַ גאַס
ווילאַ „Wiktorja"
Dr. med. W. Łaski
אינערליכער אַקושער-קראַנקהייטען
נעמט אָן פֿון 1-טען יוני, 1931.

Dr. med. M. Heller
ספּעציאַליסט פֿאַר הויט- און וענעריש קראַנקע און מענער-שוועכע
נאַווראָט 2, טעל. 179-69
נעמט אָן ביז 10 פֿריה, און פֿון 4—8 אָווענד
פֿאַר פֿרויען פֿון 4—5 נאָכמ.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע פּרייזען.

Dr. L. PIKIELNY
UROLOG
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר נירען, בלאָז, אורין-קראַנקהייטען
Nawrot 8. telefon 219-90
נעמט אָן פֿון 4 — 7 אָוונד

ווינער אָרטאָפּעדישע פּראַצאָווניע
אונטער דער אויפֿזיכט פֿון ספּעציאַליסט דר. לוביטש
מאַכט לויט גיפּס-מאָדעלען וואָקלאַדקעס נעגען פּלאַט-פֿיס. קינסטליכע פֿיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען און אַנדערע
Karola 5 טען א. ז. וו.

פֿלעגט די פֿיס
PEDICURE
S. Łódzki
Traugutta 5 (Krótka) m. 18, tel. 170-37
נעמט אָן פֿון 11—2 און פֿון 4—7 גאָנה. אַסיסטענט בײַ מיסטער עלמאַן (היגער-אויגען אַנשטאַלט אין לאָנדאָן) ספּעציאַליסט צו בעזייטיגען הינערער-אויגען בײַ האָרנהויט ווי אַרײַנגעוואַקסענע נעגעל אָהן שמערצ.

Dr. med.
I. Wajnberg
Cegielniana 11, tel. 126-02
אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעציאַליסט פֿאַר לונגען און האַרץ-קראַנקהייטען בעשטראַהלונגען און קינסטליכע בערג-זון.
נעהמט אָן אין דערהיים פֿון 3—5.

Dr. med. J. BETTE
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר קינדער און אינערליכע קראַנקהייטען
Piotrkowska 6, tel. 144-95
נעמט אָן פֿון 8 ביז 11 פֿריה און פֿון 4—6 נאָכמ.

Dr. med. N. ROZEN
צאָהן-כירורג
ערקראַנקונג פֿון צאָהן, שטשענקעס, דזשאָנקעס, גומען, צונג-קראַנקהייטען א. ד. גל. צייהן-רעגולי-רונג, רענטגענדיאַגנאָסטיק.
אַנדזשעיאַ 7, טעלעפֿאָן 216-57
נעמט אָן פֿון 3 ביז 7 אָוונד

דענטיסטישער קאַבינעט
E. FUCHS
טעטיג
נאַווראָט 4, טעל. 127-31
פֿון 12—3 נאָכמ. פֿאַר אַרבייטענדע קליניק-פּרייזען.

דר. מעד.
MIKOŁAJ BORENSZTEIN
ספּעציאַליסט פֿאַר פֿרויען און אינערליכע קראַנקהייטען נעהמט אָן ווי אין די פֿריהערדיגע יאָהרען אין קרעניץ אין דער שול-געביידע (געגענאיבער די אַלטע לאַזשענקעס).

Dr. Niewiażski
ספּעציאַליסט
פֿאַר סיפֿיליס, טריפּער און מענער-שוועכע בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען און עלעקטראָ-טעראַפּיע אַנאַליזען.
פֿאַר דאַמען ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.
אַנדזשעיאַ 5 טעל. 159-40
נעמט אָן פֿון 8 ביז 11 פֿריה, און פֿון 5-9 אָ.ז.
זונטאָג פֿון ביז 1 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

דייטשלאנד געראטעוועט פון א באנקראט

דורך א קורץ-טערמיניגע הלואה פון 100 מיליאן דאלאר

פאריז בעגריסט דעם פראיעקט וועגען א פראנצויזישען טשעקער'ס

דייטשלאנד געראטעוועט פון באנקראט

לאנדאן (סב.) אין צוזאמענהאנג מיט דער ידיעה וועגן א הלואה פאר דייטשלאנד אין דער הויך פון 100 מיליאן דאלאר, מעלדעט די ענגלישע פרעסע, אז דאס וועט ראטעווען דייטשלאנד פון א קאטאסטראפע. פרעזידענט הינדענבורג האט אין זיין ווענדונג צו הובער'ן געשריבען, אז דייטשלאנד שטעהט פאר א באנקראט און דעריבער האט הובער אונטערגענומען זיין איניציאטיוו וועגען מאראטאריום.

דייטשלאנד האט מיט א פיין געהאלטען בסוד דעם אינהאלט פון הינדענבורג'ס ווענדונג צו הובער'ן כדי נישט צו בעאונרוהיגען איהרע קרעדיטארען. אויב דייטשלאנד וואלט איצט נישט בעקומען די הלואה, וואלט זי געמוזט באנקראטירען.

די דאזיגע סענסאציאנעלע ידיעה האט אין די לאנדאנער פאליטישע קרייזען געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק.

רייכס-באנק אונטערגעשריבען דעם אפמאך וועגען דער הלואה פון 100 מיליאן דאלאר

בערלין (ט) ווי עס ווערט אפיציעל מיטגעטיילט, האט די רייכס-באנק געשלאסען אן אפמאך מיט די מלוכה-בענק פון ענגלאנד, אמעריקא, פראנקרייך און מיט דער אינטערנאציאנאלער באנק, לויט וועלכען די רייכס-באנק בעקומט א הלוואה פון 100 מיליאן דאלאר, כדי צו קאנען בעפרידיגען דעם אולטימא-בעדערפעניש.

פאריז בעגריסט דעם פראיעקט וועגען א פראנצויזישען טשעקער'ס

פאריז (ט) פינאנץ-מיניסטער מעלאן איז היינט אנגעקומען קיין פאריז און וועט מארגען אויפגענומען ווערען פון פרעמיער לאוואל און מיט איהם אונטערהאנדלען וועגען מאראטאריום.

פאריז (סב.) ארומרעדענדיג דעם ענטפער פון דער פראנצויזישער רעגירונג אויף הובער'ס פראיעקט, שטעלט די פראנצויזישע פרעסע פעסט, אז פראנקרייך האט זיך קודם כל געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט פון דער אונבערירליכקייט פון יאנג-פלאן און זי פאדערט, אז דייטשלאנד זאל ווייטער צאהלען דעם אונגעשיצטען טייל פון די רעפעראציע צאהלונגען.

די נאטע ווייזט ווייטער אן, אז דער פינאנציעלער קריזיס אין דייטשלאנד איז לחלוטין נישט קיין פועל יוצא אין שטעהט נישט אין צוזאמענהאנג מיט די צאהלונגען פון די רעפעראציע-חובות, נאר די סבה דארף מען זוכען אין דער שלעכטער פינאנציעלער אדמיניסטראציע פון לאנד און אונם צוריקציהען די גרויסע סומען פון קורץ-טערמיניגע אויסלענדישע קרעדיטען.

די נאטע שטרייכט צום סוף אונטער, אז עס איז נישט פאראן קיין שום יסוד צו צוקלאפען דעם אינטערנאציאנאלען אפמאך, וואס איז אזוי פייערליך געשלאסען געווארן און צוריקציהענדיג די אונגעשיצטע צאהלונגען, וואס זייער אונבערירליכער כאראקטער איז אנערקענט געווארן אין האג דורך די וויכטיגסטע אויטאריטעטען פון דייטשלאנד.

רעדענדיג וועגען קאנצלער ברינינג'ס רעדע, שטעלט זויערמאן פעסט אין „מאטען", אז דער פראיעקט וועגען א פראנצויזישען טשעקערס וועט גינסטיג אויפגענומען ווערען דורך דער פראנצויזישער רעגירונג, דעם וויזיט פון די דייטשע מיניסטארען אין פאריז דארף מען ערווארטען נאכדעם, ווי עס וועט איינטרעטען א ענטשפאנונג אין דער פינאנציעלער לאגע פון דייטשלאנד, וואס עס וועט מעגליך מאכען ברינינגען און קורציוס'ן צו פערלאזען בערלין.

לאנדאן (סב) „דיילי טעלעגראף" מעלדעט, אז די ענגלישע באנק, די פראנצויזישע באנק, די פעדעראל רעזערוו באנק אין ניו-יארק און די אינטערנאציאנאלע באנק אין באזעל האבען בעשלאסען צו געבען דייטשלאנד אין משך פון 26 יוני ביז'ן 16 יולי א הלואה אין דער הויך פון 100 מיליאן דאלאר.

יעדע פון די דערמאנטע בענק בעטייליגט זיך אין דער הלואה מיט א סכום פון 25 מיליאן דאלאר. דער דאזיגער קרעדיט וועט ערלויבען דער דייטשער רעגירונג זיך אויפצובונדען פון די פערפליכטונגען די אולטימא.

ניו-יארק (סב.) פון וואשינגטאן מעלדעט מען, אז פרעזידענט הובער האט זיך געווענדעט צו מיניסטער מעלאן, וואס געפינט זיך איצט אין לאנדאן, אז ער זאל תיכף ומיד ארויספאהרען קיין פאריז און זאל דארט אנהויבען אונטערהאנדלונגען מיט די פארשטעהער פון דער פראנצויזישער רעגירונג וועגען א וואס גיכערן דורכפיהרען אין לעבען דעם מאראטאריום.

די אונטערהאנדלונגען זאלען געפיהרט ווערען אין א גיכען טעמפא אזוי, אז דעם 1 יולי זאל שוין הובער'ס פלאן קאנען רעאליזירט ווערען.

הונגער-דעמאנסטראציע אין בערלין

ארבייטסלאזע צוראבירען די לעבענסמיטעל געוועלבער

הונגער-דעמאנסטראציע אין בערליך

ארבייטסלאזע ראבירען די קראמען

בערלין (ט) היינט איז אין נויקעלן פארגעקומען א דעמאנסטראציע פון ארבייטסלאזע. די דעמאנסטראנטען האבען ראבירט איינינע געוועלבער פון לעבענס-מיטלען. פאליציי האט די דעמאנסטראנטען צוטריבען.

גרויסע שרפה אין א דייטשער פילם-פאבריק

בערלין (ט) אין דער פילם-פאבריק אין קלמאן ספאנדוי האט היינט אויסגעבראכען א גרויסע שרפה. דער שאדען איז זעהר א גרויסער.

ערמארדעט א יודישער ארבייטער בעת א שטרייק אין ווילנא

ווילנא (טעלעפאניש) בעת א געשלעג צווישען שטרייקענדע היטעלמאכער און א גרופע ארבייטער, וואס האט זיך אפגעהאלטען פון שטרייק, האט דער היטעלמאכער ראבינאוויטש מיט א שער געמאכט עטליכע וואונדען און קאפ רעב ארבייטער ראסקין, מען האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל און דארט איז ער פון די וואונדען געשטארבען. ראבינאוויטש - אויך א פערוואונדעטער איז ארעסטירט געווארן.

ביי אויפגעבלאזנקייט, ברעכונג אויפ'ן הארצען, הונגער-געפיהל, געדערעם-פערשטאפונג, לעבער-דריי-קונג, קלעמפעניש ווירקט א גלאז נאטירליך

Franciszka Józefa

ביטער וואסער א שנעלע אויסלערונג פון די נישט פערדייעטע מאכלים, צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען.

אונטערגעגאנגען א שיף

לאנדאן (ט) א ארגענטינישע האנאנגען-שיף האט זיך צוזאמענגעשטויסען מיט א דאמף-שיף און איז אונטערגעגאנגען. 5 מאטראזען זענען דערטרונקען געווארן.

ארעסטירט א יודישען קאמוניסט

ווילנא (טעלעפאניש) די אויספארשונג וועגען מארד פון מארגאלים'ן האט דערפיהרט צום ארעסט פון קאמוניסט אייזנבארן.

די פרעסע-רעדוטע

די מיטטיילונג, אז אויף דער זונטאגדיגער פרעסע-רעדוטע אין „העלענאוו" וועט פארקומען א באקסער-מעטש צווישען לאדזער און פויזנער מאנשאפטען, האט ארויסגערופען אן'אונגעהויערע פעראינטערעסירונג. פויזען שיקט ארויס צום באקסער-מעטש איהרע בעסטע טיימער, וועלכע האבען זיך שוין קונה-שם געווען אין דער וועלט.

אויסערדעם וועט דאס גאנצע פראגראם פון דער פרעסע-רעדוטע זיין אזוי אמוזאנט און אונהאלטסרייך, אז עס לוינט באמת דעם לאדזער עולם זיך צוצוגרייטען צום גראנדיעזען פרעסע יום-טוב און מען גרייט זיך פאקטיש מיט'ן גאנצען ברען.

יורידישע עצות אין מאגיסטראט

פון 1. יולי ביז'ן 1. אויגוסט וועלען די יורידישע עצות ביי דער „אפיעקא ספאלעטשנא" געגעבען ווערען דריי מאל אין וואך: יעדען מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

אויפרוף צו דער יוד. בעפעלקערונג

צו באיקאטירען די זומער-וואוינונגען ארום דאנציג

ווארשא (טעלעפאניש) דער יודישער פעראיין פון געוועזענע אונאפהענגיגקייטס - קעמפער האט ארויסגעלאזען א אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג, צו באיקאטירען די קור-ערטער און זומער-וואוינונגען ארום דאנציג צוליב דער העצע פון די דייטשע שאוויניסטען נעגען פוילען און צוליב די בילגאנישע אנפאלען אויף יודען, פוילישע בירגער.

שפאנישער לופט-פליהער רעוואלוציאנער מאיאר פראנקא שווער פערוואונדעט

מאדריד (סב.) לויט ידיעות פון סעווילי — איז בעת א פארנאכל-פערזאמלונג אויסגעבראכען געווארן א עקסטראדע און א קרבן פון פארפאל איז געוועזען דער בערוהמטער שפאנישער לופט-פליהער און רעוואלוציאנער מאיאר פראנקא. זיין צושטאנד איז א שווערער.

לאדזער יודיש קאמעראל-טעאטער
געוו. ענגל. זאל
אל. 1-טער מאי 2. ● דירעקטאר דוד צעלמייסטער.

לעצטע גאסטשפילן פון
דוד הערמאן-טעאטער
מיט'ן אנטייל פון די געוועזענע שוישפילער פון דער ווילנער טרופע
מיט דעם פרעמיער
יוסף קאמען בראש

היינט פרייטאג דעם 26-טען יוני, 9.30 אוועגד צום לעצטען מאל
„מאן ווייב און רעוואלוציע"
קאמעדיע אין 3 אקטען פון וו. קאטאיעוו.

שבת, ד. 27 יוני 9.30 אזייגער אוועגד לעצטע פרעמיערע
„ווען בלוט רעדט?..."
דראמע אין 3 אקטען פון יאן פאבריציוס. יודיש ד. ה.

שבת 12.30 פארמיטאג
„דער טויבער"
(די ברויט-מיהל)

שבת 4 בייטאג
דער נסיון

אינסצעניזאציע און רעזשי: דוד הערמאן, אדמ.-לייטער: א. גאריעלאוו
בילעטען-פארפערקויף אין דער קאנדיטערייַ ראשגאלד. פיעטריקאווער 38.
אין טאג פון דער פארשטעלונג פון 7 אוונט און שבת א גאנצען טאג
ביי דער טעאטער-קאסע.

ווער וועמען האט בע'גנב'עט?

טשיקאווער עפילאג פון א שותפות-פירמע

(ד) אין אויספארשונגס-אמט האט משה-מענדעל דאנציגער (זאכארניא 58) געמאלדען, אז זיין שותף אליהו זעלמאן, מיט וועלכען ער פיהרט א טריקאטאזש-פאבריק אויף קאפערניק נאם 53, האט בייגאכט, צוזאמען מיט זיין פרוי פייגע זעלמאן ארויסגענומען פון דער שותפות-פאבריק סחורות אין 2 מאשינען פאר 2300 זל.

באלד דערויף איז אין אויספארשונגס-אמט געקומען אליהו זעלמאן, וועלכער האט מיטגעטיילט, אז זיין שותף דאנציגער האט פון זייער פאבריק אויף אנדראווא 7 ארויסגעגנב'עט אלע 14 מאשינען. די גנבה בעטרעפט 7000 זל.

פאליציי האט אונטערגענומען אן'אויספארשונג און פעסטגעשטעלט, אז אין אמת'ן פיהרען ביידע, זעלמאן און דאנציגער, א שותפות-פאבריק, צווישען זיי איז ענטשטאנען א סכסוך און זיי האבען אויף אייגענער אחריות זיך גענומען אייגענוויליג טיילען מיט'ן פערמעגען, אנקלאגענדיג אזוי ארום איינער דעם אנדערן אין גנבה.

די אויספארשונג וועגען דעם טשיקאווען פאל דויערט.

וואזשני ארעסטירט פאר א גנבה אין א יודישער באנק

(ב) מיר האבען מיטגעטיילט, אז אין דער יודישער קאאפעראטיווער באנק אין פיעטרקאוו איז אויסגעפיהרט געווארן אן'איינבראך און ארויסגעגנב'עט א באר טויזענד זל. אלס פערדעכטיגען אין איינבראך האט מען ארעסטירט דעם וואזשני פון דער באנק מאשקאוויטש און זיין ווייב.

פארוואס ווערט אפגעשטעלט די „ווידזעווער מאנופאקטור"?

די אמת'ע סיבות און די פאלשע אינפארמאציעס

א לאדזער פויליש-„יודישע" צייטונג, וואס איז נישט אזוי איבערקלייבעריש מיט איהרע ידיעות, האט געבלאזען אונטערטראגען איהרע לעזער א פרישע „סענסאציע", דאס מאל וועגען דער „ווידזעווער מאנופאקטור", א „סענסאציע", וואס לאזט איבער א בייגעשמאק.

די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט" ווייסען זעהר גוט, אז מיר געהערען נישט צו די געשוואוירענע פערטיידיגער פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור". אבער דער ארויסטריט פון אויבען-דערמאנטען בלעטעל טראגט אזא כאראקטער, אז מען מוז דערויף רעאגירען. וויל פון ריין-געזעלשאפטליכען שטאנדפונקט איז נישט דערלאזבאר צו נעמען אזא שווערערנסטען ענין, ווי אפשטעלען א גראנדיעזע אינדוסטריע-אונטערנעמונג, אין וועלכער עס זענען בעשעפטיגט ביז 7 טויזענד ארבייטער, אין די זאך פינאנ-דערצושטירען אויף אזא אופן, וואס איז עלול אויפצורייצען די געמיטער...

און טויזענד מאל פעראנטווארטליכער מוז מען נאך זיין אין אזא פאל, ווי אין דעם דאזיגען בנוגע דער „ווידזעווער מאנופאקטור", וואו די ארבייטס-געבער זענען יודען מיט דעם הונדערט פראצענטיגען נאמען קאהן, און דער גרויסער לעגיאן ארבייטס-נעמער בעשטעהט פון לויטער נישט-יודען. יעדעס נישט בערעכענט ווארט שמעקט מיט שווערע, נישט-פאראויסגעזעהענע קאנסעקווענצען און איז בכח ארייַנצוברענגען א געוואלדיגע צורודערונג אין דער איצטיגער אזוי אויך נענוג שווערער און פיינליכער צייט... נאך מעהר אונפערשטענדליך איז אבער אזא האנדלונג, ווען דער אופן, ווי עס ווערט פארגעשטעלט די זאך-לאגע, שטימט נישט מיט'ן אמת.

צוליב דעם, וואס די פראגע וועגען אפשטעלען די „ווידזעווער מאנופאקטור" האט ארויסגערופען א געוואלדיגע פעראינטערעסירונג אין די ברייטסטע קרייזען פון אונזער שטאט, האבען מיר זיך בעמיהט צו בעקומען אויספיהרליכע אינפארמאציעס פון די ערשטע קוועלען. די זאך שטעלט זיך פאר אזוי:

איינער פון די וויכטיגסטע קרעדיטארען פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור", די איטאליענישע פירמע „סינמאט", וועלכע האט זיך געפונען אין צאהלונגס-שוועריגקייטען, איז ערקלערט געווארן אלס באנקראט און ווערט ליקווידירט. די ליקווידאטארען פון דער דאזיגער פירמע האבען זיך דערויף געווענדעט צו דער „ווידזעווער מאנופאקטור" צוריקצוצאהלען איהר דעם חוב אין דער הויך פון 600 טויזענד דאלאר, אדער אין מזומן אדער אין אבליגאציעס פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור", פערזעהן מיט א גאראנטיע פון דער פוילישער רעגירונג. די „ווידזעווער מאנופאקטור" האט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג וועגען אזא גאראנטיע, זי האט אבער בעקומען אן אפזאג.

דערוויסענדיג זיך וועגען אפזאג פון דער רעגירונג, האט די פירמע „סינמאט" געפאדערט צו שליסען די פאבריק פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור" און צו פערווענדען אלע הכנסות אויף אפצוצאהלען דעם איטאליענישען חוב, דראהענדיג און נעגענפאל מיט די ווייטערהענדסטע קאנסעקווענצען.

די דירעקציע פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור" ווערענדיג געשטעלט אין אזא אויסגאנגלאזער סיטואציע און זעהענדיג, אז די רעגירונג איז גלייכגילטיג צום גאנצען ענין, האט זי זיך געזעהן געצוואונגען, געגען איהר ווילען און אייגענעם אינטערעס, צו קונדיגען די ארבייטער און אפצושטעלען די פאבריק, ווי דאס האט געפאדערט די פירמע „סינמאט".

דאס זענען די אמת'ע סבות פון אפשטעלען די „ווידזעווער מאנופאקטור".

דאס לאדזער „יודיש"-פויליש בלעטעל, וואס האט, ווי די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט" געדענקען, נאכ'ן טראגישען טויט פון דירעקטאר אלבערט קאהן געפיהרט אזא שענדליכע העצע געגען די קאהנ'ס און געגען דער „ווידזעווער מאנופאקטור", האט איצט ווידער געפונען א געלעגענהייט „אפצורעכענען" זיך מיט זיי, נישט רעכענענדיג זיך מיט דער ערנסטקייט פון מאמענט.

דאס איבערדרעהען די פאקטען איז דאס פארשטעלען דעם ענין, ווי א צוואנג מצד דער „ווידזעווער מאנופאקטור" לגבי דער רעגירונג, פון וועלכער זי וויל מיט כח ארויסבעקומען די גאראנטיע, איז א העכסט אונפעראנטווארטליכער אקט, וואס איז מסוגל ביי דער איצטיגער אויפגערעגטער שטימונג צוליב'ן שווערען קריזיס, צו ברענגען טרויעריגע פאלגען.

און דערצו מאר נישט דערלאזט ווערען.

—:0:—

אינטערווענץ ביי דער רעגירונג געגען אפשטעלען די „ווידזעווער מאנופאקטור"

(ד) די פאבריקס-דעלעגאטען, וואס זענען ארגאניזירט אין פערייַן „פראצא" האבען אפגעהאלטען אן'אלגעמיינע פערזאמלונג וועגען די רעדוקציעס אין דער לאדזער טעקסטיל-אינדוסטריע און וועגען דעם 8-שעה'דיגען ארבייטסטאג. עס איז אנגענומען געווארן א רעזאלוציע, וואס פאדערט, אז די רעגירונג זאל האבען די אויפזיכט איבער דער טעטיגקייט פון דער גרויס-אינדוסטריע.

עס איז אויך בערירט געווארן די פראגע וועגען דער „ווידזעווער מאנופאקטור", וועלכע שטעלט היינט אפ אין איהרע פאבריקען און 7000 ארבייטער בלייבען אהן בעשעפטיגונג. די האנדלונג פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור" איז דורך די פערזאמלטע בעצייכענט געווארן: אלס פרוב אויסצואיבען א דרוק אויף דער רעגירונג, אז זי זאל געבען פאר איהר גאראנטיעס.

עס איז אויך אנגענומען געווארן א שארפע רעזאלוציע נעגען פראיעקט צו העכערן דאס דירה-געלד און די אלטע הייזער.

מיט דער פראגע פון אפשטעלען די „ווידזעווער מאניפאקטור" האבען זיך שוין פארנומען אלע טעקסטיל-פראינינגען אין לאדז. נעכטען האט שוין נישט געארבייט א טייל פון דער שפינערייַ. היינט איז שבת וועלען זיך אפשטעלען די וועבערייַ און די גאנצע שפינערייַ, דרוקערייַ, פארבערייַ און וועסערייַ. די אפרעטור וועט נאך ארבייטען לערך 2 וואכען, כדי צו פערענדיגען די פאראהאנענע סחורות. היינטיגע וואך ווערען בעפרייט פון דער ארבייט העכער 5000 ארבייטער. די רעזידירטע האבען פארגעננמען אנ'אונטערוועניז ביים וואיעוואדע און ביי דער רעגירונג. עס ווערט אויך געשיקט א ספעציעלע דעלעגאציע צו דער רעגירונג וועגען נישט לאזען אפשטעלען די פאבריקען.

ה' אשר קאן איז נעכטען ארויסגעפארען קיין דאנציג.

—:0:—

גרויסע שפיאנאזש-אפערע אין פראנקרייך

בעאמטע פון אויסערן-מיניסטעריום איבערגעגעבן געהיימע דאקומענטן א שפיאנען-ארגאניזאציע

ענטדעקט א שפיאנאזש-אזערע אין פראנצויזישען אויסערן-מין.

פאריז 25 יוני (ספעציעל צום „לאדזער טאגעבלאט") אין אויסערן-מיניסטעריום איז ענטדעקט געווארען א שפיאנען-ארגאניזאציע, וואס האט זיך פערנומען מיט צושטעלען די אגענטען פון פרעמדע מלוכות פערשידענע ידיעות פון א פערטרויליכען כאראקטער.

דער בעאמטער, וועלכען עס איז איבערגעגעבען געווארען אפצושיפרירען דעפעשען, איז געכאפט געווארען אויף דער הייסער מינוט, בעת ער האט איבערגעגעבען א פרעמדע פערזאן א רייה שטרענג פערטרוילינע ידיעות.

דאס זענען געווען דאקומענטן פון פערשידענע קאנסולאטען אין פראנצויזישע אמבעסאדעס. דער בעאמטער און צוויי פון זיינע מיטארבייטער זענען תיכף ארעסטירט געווארען. די רעוויזיע, וואס איז דורכגעפיהרט געווארען אין זייער וואוינונג, האט ענטדעקט א רייה זעהר קאמפראמיטירענדע דאקומענטן, וואס בעווייזען זייער אנטייל אין א שפיאנען-ארגאניזאציע, וואס האט עקזיסטירט אין פאריז.

מען דארף ערווארטען וויטערע ארעסטען אין דעם דאזיגען סענסאציאנעלען ענין.

פאריז, 25 יוני (ט) דער ארעסטירטער לייטער פון שיפריר-ביורא ביים אויסערן-מיניסטעריום, א געוועזענער קאנסול, האט זיך מודה געווען, אז ער האט זייט א לאנגער צייט איבערגעגעבען די טעלעגראמעס, וואס זענען דורכגעגאנגען דורך זיין האנט זיינעם א פריינד. דער דאזיגער פריינט, א געוועזענער בערזע-מעקלער, וואס איז אויך ארעסטירט געווארען, האט ערקלערט, אז די טעלעגראמען האבען איהם בלויז געדינט דערצו, אז ער זאל קאנען שפעקולירען אויף דער בערזע.

יתומים-הויז זגערזשער 40 שיקט זיינע קינדער אויף זומער-קאלאניע

נעכטען האט די פערוואלטונג פון יתומים-הויז (זגערזשער 40) ארויסגעשיקט אין איהר אייגענער זומער-קאלאניע אין רודא-פאביאניץ אלע קינדער פון יתומים-אינטערנאט. די קינדער וועלען פערברענגען אויף דער זומער-קאלאניע די גאנצע צייט פון די שול-פעריען.

פון „מלבוש ערומים"

דער אפצייכנונגס-טאג פון „מלבוש ערומים" האט געבראכט א הכנסה פון 583 זל. 95 גר.

די צווייטע יונגפרוי פון ארלעאנס

פאריז 25. יוני (ט) היינט האט אין ווערסייל פאסירט א אויסטערלישער פארפאל. בעת דער פייערונג פון 500 יעהריגען געדענק-טאג פון דער יונג-פרוי פון ארלעאנס, איז אויפגעפיהרט געווארען א סצענע, וואס שטעלט פאר, ווי מען פערברענט אויפ'ן שייטער-הויפען די יאאנא ד'ארק.

אלס די יונג-פרוי פון ארלעאנס האט געשפילט א יונג מעדעל. זי האט זעהר גוט געשפילט איהר ראל און דאס פובליקום איז געווען בעגייסטערט.

מען האט זי צוגעפיהרט צום שייטער הויפען און מען האט אנגעצונדען א גרויס בענגאליש פייער. דאס מעדעל איז אנידערגעפאלען און סי מולירט דעם טויט פון יאאנא דארק.

דאס פובליקום האט זי בעגייסטערט אפלאדירט, אבער ווען עס איז ארויך א צייט און זי איז אלץ אזוי געבליבען ליגען, האבען ערשט די פערזאמעלטע מיט שרעק בעמערקט, אז זי ליגט א פערחלש'טע. מען האט זי אפגעפיהרט אין שפיטאל און דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז זי איז אראפ פון זינען.

14 ארבייטער קרבנות אין א טונעל

קאטאסטראפע מיט'ן אינטערנאציאנאלען עקספרעס-צוג הינטער פריזען

5 ארבייטער אומגעקומען אין א טונעל

רוים, 25. יוני (ט) אויף דער באהן-ליניע סאוואנא-טורין האט היינט פאסירט א שווער אונגליק, וואס האט געקאפט דאס לעבען פון 5 ארבייטער און 9 אנדערע זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

15 ארבייטער האבען געפיהרט דורך א טונעל א וואגאן מיט אייזען. אויף א שיף צרט האט דער וואגאן גענומען לויפען גאלאפ און בעגראבען הינטער זיך די ארבייטער.

ס'זענען נאך פערהאן בוי-שטחים צוזאמען מיט וואלד און קור-ארט

Rafałówka

אין דער נאהענסטער שכנות פון זיך בעפינדען נאטורהייל-סאנאטאריום פון

אסקאר וואינאווסקי,

פראספעקטען און אינפארמאציעס אין דער פערוואלטונג: אין מיעדזינא, פאוויאט שעראדז טעלעם. שעראדז 81

אין לאדז, פיעטריקאווער 65 טעל. 211-40

אין ווארשא: שפיטאלנא 1, טעלעפאן 649-04

בעמ.: אין די חגא-טעג ד. 28 און 29 ד. ח. וועט די פערוואלטונג אננעמען אלע בעזוכער אויפ'ן ארט פון ראפאלובקא, אויטאבוסען פון דער פערוואלטונג וועלען ערווארטען אין שעראדז ביי יעדען צוג.

באהן-קאטאסטראפע הינטער פריזען

פריזען (טעלעפאניש) הינטער פריזען האט היינט פאסירט א באהן-קאטאסטראפע. דער אינטערנאציאנאלער עקספרעס-צוג האט זיך צוזאמענגעשטויסען מיט א צוג, וואס האט געפיהרט ארבייטער. מעהרערע פערזאנען זענען פערוואונדעט געווארען.

„נא גראנדע" אויפ'ן באלוטער מארק

(§) אויפ'ן באלוטער מארק האט זיך נעכטען דורכגעטראגען א געשרעי, אז נעווינע מאריאנא זאווישלאווסקא פון פיעטרקאוו, ווארטענדיג אויפ'ן טראם וואי קיין אזארקאוו, איז בעפאלען געווארען דורך א פארשוין, וועלכער האט ביי איהר ארויסגעריסען א ביטעל מיט 290 זל. פאליציי האט נאכגעיאגט דעם גנב, אבער יענעם איז געלונגען נעלם צו ווערען.

וויכטיגסטע נאהרונגס-פראדוקטען

פאר'ן מענשליכען ארגאניזם זענען דער בלוט-שאפענדער סובסטאנץ אייוויים, פעטס, מינעראל-זאלצען און לעבענס-וועקענדע וויטאמינען.

דאס אלץ ענטהאלטען

קנאר'ס

הובער-טאבלעטען.

א גרויסע רבי'שע חתונה אין לאדז

און ענגלישען זאל איז מיטוואך פארגעקומען א גרויסע רבי'שע חתונה. ביידע צדדים שטאמען פון גרויסען יחוס. די כלה'ס פאטער איז אן אייניקעל פון גרויסען סאנדזער ז"לא זן פון ר' נפתלי ראפשיצער ז"ל. דעם חתנ'ס פאטער איז אן אייניקעל פון קאמארנער ז"ל. אויף דער חתונה האבען זיך בעטייליגט ביז טויזענד חסידים און צענדליגער רביים און רבנים פון פערשידענע שטעט אין פוילען.

בענייט דער סאוויעטיש-דייטשער טראקטאט

פערלענגערט דעם בערלינער טראקטאט

בערלין, 25. יוני (ספעצ. צום „לאדז. טאג.") פון מאסקווא מעלדעט מען, אז נעכטען נאכמיטאג האבען, דער דייטשער אמבאסאדאר פאן דירקסען און דער שטעלפערטרעטער פון אויסערן קאמיסאר, קרעסטינסקי, אונטערגעשריבען א דאקומענטען אויסטויש וועגען פערלענגערן דעם דייטש-סאוויעטישען בערלינער טראקטאט פון 1926.

די הויפט-טעזען פון אלטען טראקטאט און נעמליך דער פונקט וועגען נייטראליטעט אין פאל ווען איינע פון די מלוכות וועט אטאקירט ווערען דורך א דריטע מלוכה און דער פונקט וועגען נישט אנטייל נעמען אין ווירטשאפטליכע בויקאטען פון איינעם פון די קאנטראהענטען זענען ווייטער געבליבען אין קראפט.

אין פראטאקאל איז אונטערגעשטראכען געווארען די וויכטיגקייט פון א ווייטערער פריינדליכער צוזאמענארבייט און וועגען פערלענגערן די קלויזול וועגען שידס-ענינים.

אין זין פון דער נייער פערשטענדיגונג קאן דער אפמאך געקינדיגט ווערען מיט 1 יעהריגען טערמין, אבער נישט פריהער, ווי אין יאהר 1933.

PENSJONAT „BAJKA" w OTWOCKU ul. GLINIECKA 7.

נעהמט אן בעשטעלונגען. אלע מאדערנסטע איינריכטונגען: צענטראל-בעהייצונג, לויפענדעס וואסער ווארם און קאלט, ראדיא, טעלעפאן, לאושענקעס, גרויסע און ליכטיגע צימערן.

צוגענגליכע פרייזען ● א שטרענג כשר'ע קוך

בעשטעלונגען ווערען אויך אנגענומען טעלעפאניש נומער 231.

וויכטיג פאר אלע

דער בעוואוסטער מאלער-מייסטער **ז. וועלניארזש** נארוטאוויטשא 10

צוריקקומענדיג פון אויסלאנד נעמט אן פערשידענע מאלער-ארבייטען ווי לאהם-ארבייט, אלעינע און טאפעטען לויט'ן אויסלענדישען סיסטעם

מיט די נייעסטע טעכנישע מאלער-מאשינען

בעמ.: צוליב דעם הערשענדען קריזיס זענען ביי מיר די פרייזע רעדוצירט פון 25 ביז 40 פראצענט.

ערשטקלאסיגע ארבייט, סאלידע בעהאנדלונג

געדענקט דעם אדרעס **Narutowicza 10** געדענקט דעם אדרעס

אינדוסטרי-שולע

געז. צו פערשפרייטען בילדונג און טעכנישע וויסענשאפט צווישען יודען אין לאדז פאמארסקא 46, טעל. 163-80

אפטיילונגען:

מעכאנישע, עלעקטראטעכנישע און וועבעריי

איינשרייבונגען פון קאנדידאטינס אין דער 1-טער קלאס נעמט אן די שול-קאנצעלאריע טעגליך פון 10—2 נאכמיטאג.

א גרויס צימער מיט 2 פענסטער

זעהר גוט געאייגנעט פאר א שניידער אדער אנדערן בעל-מלאכה איז פון זאפארט ביליג אפצוגעבען. אדרעס צו ערפ' אהרצן אין אדמיניסטראציע.

מיט די רעכט פון רעגירונגס-גימנאזיעס

מעדכען-גימנאזיום „וויעדזא" „WIEDZA"

פילסודסקיעגא (ווסבאדניא) 62 טעלעפאן 175-38

איינשרייבונגען פון ניי-איינטרעטענדע שילערינס פאר די קלאסען A B C און פון I ביז VIII נעמט אן דער סעקרעטאריאט טעגליך פון 10—2 און פון 6—7.

דירעקטאר (–) **B. JUDELEWICZ**

א שותף

פון 10—12 טויזענד זלאטיס צו פאבריקאציע, וואס איז פאטענט און צאל פריי. גאראנטירט עטליכע הונדערט זל. וועכענטליך ווערט פון זאפארט געזוכט. אפערטען אונטער „גלענצענד" אפצוגעבען אין אדמ. פון „לאדזער טאגעבלאט"

נדי-הלוואות

פון 50.000—5 זל. קאן יעדער בעקומען, איינצאהלענדיג א מינימאלע סומע צו 5 זלאטיס שוין נאכ'ן אפלויף פון 6 חדשים. פאדערט אינפארמאציעס און פראספעקטען פון **„Pomoc Rodzinna" Sp. z ogr. odp.** Warszawa, Fredry 10.

פוילישע שפראך

ווערט ערלערענט גרונדליך דורך אקורצער צייט

ווסכאדניא 29, וו. 3

ראטעוועט די האר!

זאגאר גענצליכע ליסע-קעפ, קענען צוריקבעקומען א שעהנעם וואוקס פון די האר, בענוצענדיג BALSAM צו האר-וואקסען, וואס פערהיט געגען אויספאלען, פערניכטען שופען, בעזייטיגט דאס בייסען פון קאפ און ערוועקט צום לעבען די אפגעשטארבענעווארצלען פון די האר. פרייז פון א פלאקאן 8 זל. צו בעקומען אין סקלאד-אפטעטשנע

H. HERMALIN, Piotrkowska 11.

זומער-שפרענקעלעך

געלע פלעקער, אפגעברענטקייט, בלעטערלעך, לישאיעס, וואנגרעס און אנדערע פערשידענע אונריינקייטען פון געזיכט, בעזייטיגט אין משך פון עטליכע טעג אונטער גאראנטיע פאר די ווירקונג דער קרעם „ADA" פרייז פון א סלאיק 2 זל. צו בעקומען אין אפטייקען, סקלאד אפטעטשנעס און פערפומעריעס.

ווישניאווא-גורא

פערשידענע וואוינונגען און איינצעלנע צימער מיט אלע בעקוועמליכקייט אין אייגענעם סאסנאווען וואלד צו פערמיטען אין ווילא טיראל.

2 געוועלבער

מיט א וואוינונג, פאסענד פאר יעדען געשעפט זאפארט איבערצוגעבען. 6-גא שיערפניא 94, טעל. 30-189 ביים ווירט. 2986

3 שטובען מיט א קוך

און בעקוועמליכקייטען צווישען פל. וואלנאשטשי און כאלודניאווא פון זאפארט איבערצוגעבען. אפערטען אפצוגעבען אין אדמיניסטראציע פון לאדזער טאגעבלאט אונטער „E. M."

אויטאגענישע שווייסונגען

מעטאל-בעארבייטונגען און שלאסער-ארבייטען

פאר האנדווערקער ראבאטן!

J. Reder, Łódź

Konstantynowska 11/13,

(róg zachodniej)

לאָדזער טאָגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונד
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.
אַדרעס: Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skz. poczt. 16
טעלעפאָנען: רעדאַקציע 100-57, אַדמיניסטראַציע 100-47

די פּאָליטיק פון דער וואָך

דער רושם פון פּרעזידענט הובער'ס מאַניפעסט. — די גרויסע שלום-רעדע פון קאַנצלער ברינינג.

גישטאָ דאָס שלעכטס אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט האָבען זײַנע גוטע זײַטען. די ביטערע, שרעקליכע נויט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט, האָט געצוואונגען די אַמעריקאַנער רעגירונג צו ווערען ווייכער און נאָכגיביגער לגבי די פאָדערונגען און די בעדערפענישען פון אייראָפּאַ. אַ שעהנע פּאָר יאָהר בעקלאָגט זיך די אַלטע אייראָפּאַ, אַז איהרע כּחות געהען אויס, אַז איהרע לעבענס-זאַפטען פערלאָזען זי, און אַמעריקאַ האָט אַלץ בסדר געהאַלטען און אויסצאַפּען דאָס לעצטע ביסעל זאַפט פון די ביינער, און זיך נישט צוגעהערט צו די קרעכצען פון דער שווער-קראַנקער אייראָפּאַ.

די אינערע נויט האָט אָבער אויך ענדליך אַדורכגעבראָכען די זיבען שלעסער פון אַמעריקאַ, און דער דלות האָט זיך דאָרט אָנגעהויבען פעסט אײַנצובירגערן און אַרויסבעקומען אַן „אַמעריקאַנער פּאַס". און אַמעריקאַ האָט זיך דערשראָקען. זי האָט פּלוצלונג דערזעהען, אַז די כוואַליע פון נויט, וואָס געהט איבער אייראָפּאַ, וועט אויך פערפלייצען די פעראייניגטע שטאַטען. און דאָס ערשטע מאָל זײַט נאָך דער מלחמה, האָט די רייכע און פערפעטטעטע אַמעריקאַ אַרויסגעוויזען אַ צייכען פון גרויסמוטיגקייט און נדיבות. פּרעזידענט הובער האָט פערעפענטליכט אַ מאַניפעסט וועגען אַן איין-יעהריגען מאַראַטאָריום פאַר די מלחמה-חובות.

און דער פאָריגער וואָך האָבען מיר אויפ'ן זעלבען אָרט שוין געשריבען וועגען דער שטרעבונג פון דער דײַטשער רעגירונג צו רעווידירען דעם יאָנג-פּלאַן און אָפּצושטעלען די רעפּאַראַציע-צאָהלונגען. מיר האָבען דאַן אָנגעוויזען, אַז די דאָזיגע פאָדערונג איז אינגאַנצען אָפּהענגיג פון אַמעריקאַ. וואָרום די קאָנטריבוציעס, וואָס דײַטשלאַנד איז פערפליכטעט צו צאָהלען די זיגערישע מלוכות, ווי פראַנקרײַך, בעלגיען, ענגלאַנד און איטאַליען, געהען אויף צו דעקען די חובות, וואָס די זעלבע מלוכות האָבען געמאַכט אין אַמעריקאַ בעת דער מלחמה. אייראָפּאַ האָט דעריבער געהאַט אַ גערעכטע טענה: מיר מוזען נעמען די קאָנטריבוציעס פון דײַטשלאַנד, כדי צו דעקען אונזערע מלחמה-חובות אין אַמעריקאַ. זאָל אַמעריקאַ אונז שענקען די חובות, וועלען מיר אויך קאָנען מיטיב זײַן מיט דײַטשלאַנד. ווי לאַנג אַמעריקאַ האָט זיך געפיהלט שטאַרק אין'ם זאַטעל, די „פּראָספּעריטי" איז געווען „אָלרייט" און מענשען האָבען געשאַרט געלד נאָך די גאַסען, האָט מען זיך אויסגעלאַכט פון די דאָזיגע טענות. די נויט אין אייראָפּאַ האָט אָבער מיטגעשלעפּט אַמעריקאַ אין'ם תהום פון קריזיס און מ'האָט זיך דאָרט דערמאָנט, אַז מען מוז ראַטעווען אייראָפּאַ, כדי אַליין געראַטעוועט צו ווערען. אָט דאָס זענען די הויפּט-סבות פון הובער'ס פּלוצלונגדיגען מאַניפעסט.

און אייראָפּאַ האָט דער דאָזיגער מאַניפעסט אַרויסגערופען אַ זעלבסטפערשטענדליכע צופרידענהייט. אייראָפּאַ וועט צוליב דעם מאַראַטאָריום האָבען די מעגליכקייט כאָטש אויף 1 יאָהר פרײַער אָפּצואָטעמען. דאָס גרויסע דײַטשלאַנד, וואָס ליגט אין מיטען האַרץ פון אייראָפּאַ איז ווירטשאַפטליך דערדריקט, עס דראָהט איהר אַ ווירטשאַפטליכע קאַטאַסטראָפע, וועלכע וועט בשום אופן נישט בלייבען לאָקאַליזירט. די מוראדיגע נויט אין דײַטשלאַנד איז אויך וואַסער אויף די מיהלען פון היטלעריזם, וועלכער דראָהט די וועלט מיט אַ נײַער מערדערליכער בלוט-פערגיסונג, וואָס וועט זײַן פיל שרעקליכער און גרויזאַמער ווי די וועלט-מלחמה פון יאָהר 1914. הובער'ס מאַניפעסט וועט גורם זײַן צו לינדערן די נויט אין דײַטשלאַנד און ממילא וועט אויך דאָרט אָפּגעשוואַכט ווערען דער גיפט פון היטלערישען שאָוויניזם און דעריבער האָט די וועלט אויפגענומען מיט אַזאַ פרייד דעם דאָזיגען מאַניפעסט. אַלס ענטפער אויף דעם דאָזיגען מאַניפעסט האָט שוין דער קאַנצלער ברינינג די וואָך געהאַלטען אַ רעדע, וועלכע מ'האָט שוין לאַנג נישט געהערט אין דײַטשלאַנד. דאָס איז געווען אַן אָפענע אָפערטע צו פראַנקרײַך, און וועלכער עס ווערט פאָרגעלעגט אַן אויפריכטיגע פרײַנדשאַפט צווישען די דאָזיגע צוויי געוועזענע שונאים.

דאָס איז, אַלזאָ, די ערשטע פרוכט פון הובער'ס מאַניפעסט. און דער צײַט פון גרויסער פּאָליטישער שפּאַנונג, ווען די לופט איז שוין אַזוי לאַנגע צײַט אָנגעגליהט, און מען ריכט זיך אַז ליאַדע מינוט אויף אַ צוזאַמענשטויס, ווירקט אַזאַ רעדע זעהר בערוהיגענד אויף די געמיטער.

דער מאַראַטאָריום האָט אָבער נאָך בײַצוקומען אַ סך שוועריגקייטען. פראַנקרײַך איז נישט אינגאַנצען צופרידען מיט דער געשיכטע. די סבה דערפון איז דער מלחמה-חוב, וואָס פראַנקרײַך דאַרף יעהרליך אָפּצאָהלען אַמעריקאַ, בעטרעפט אַ העלפט פון דער סומע, וואָס דײַטשלאַנד דאַרף איהר געבען אַלס קאָנטריבוציע. אַזוי אַרום קען אויסקומען, אַז פראַנקרײַך וועט אויסקומען אַביסעל צו לײַדען פון דעם מאַראַטאָריום. מיטוואָך איז וועגען דעם פאָרגעקומען אַ זיצונג פון פראַנצויזישען מיניסטעריען-קאַבינעט און עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען דער ענטפער צו אַמעריקאַ. דער טעקסט פונם ענטפער איז נאָך ביז איצט נישט בעקאַנט. מען איז זיך אָבער משער, אַז פראַנקרײַך וועט שטעלען געוויסע בעדינגונגען אָבער אין פּרינציפּ וועט זי מסכים זײַן צו הובער'ס מאַניפעסט. די אַנדערע פעראינטערעסירטע מלוכות האָבען שוין אַרויסגעשיקט אַ באַשטימטע ענטפער.

מיר האַלטען אַזוי אַרום פאַר אַ נײַע תקופה אין דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג פון דער וועלט. אַ תקופה, וואָס וועט אפשר דערפיהרען די מענשהייט צו אַ בעסערען מאָרגען.

ב. ז-ו.

די אמת'ע סבות פון די לעצטע אַנטיסעמיטישע געשעהענישען אין מעקסיקאַ

(ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזער טאָגעבלאַט")
פון סאַלאַמאָן קאַהאַן

וואָס האָט געפיהרט צו דער פערטרייבונג פון די יוד. מאַרק-הענדלער און צו די אַנטי-יודישע דעמאָנסטראַציעס. — מעקסיקאַנער זענען נישט אַנטיסעמיטיש, נאָר זיי זענען אויפגעהעצט געוואָרען פון איינגע פּאָליטישע טוער. וואָס זענען טעטיג אין די אינטערעסען פון די גרויסע אויסלענדישע פירמעס.

די העצע, וואָס האָט זיך לעצטענס געהאַט צופלאַקערט אין מעקסיקאַ געגען אויסלענדער, און וועלכע איז פאַקטיש געווען געצילט געגען יודען, הויבט אָן געהן בארג אַראָפּ. צוויי מיטגלידער פון מעקסיקאַנישען קאַבינעט און דער מעקסיקאַנישער פּרעזידענט אַליין, האָבען עפענטליך ערקלערט, אַז די רעגירונג איז פאַר דאָס געשעהענע נישט פאַראַנטוואָרטליך. און אַז זי סאָלידאַריזירט זיך נישט מיט די העצער.

די ערקלערונגען פון די מעקסיקאַנישע רעגירונגס-לײַט זענען געמאַכט געוואָרען נאָכדעם, ווי ס'איז דורכגעגאַנגען די „פאָלקס"-דעמאָנסטראַציע פון 1. יוני. לויט דעם אָנשטעל פון די העצע-פיהרער האָבען אין דער דעמאָנסטראַציע געדאַרפט נעמען אַנטייל כאָטש הונדערט טויזענד מענשען. אָבער דער בארג האָט אַ מויז געבוירען. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַ גרעסערע מפּלה פון דער, וואָס די העצער האָבען יענעם טאָג געקריגען. אַנשטאָט די ערוואַרטעטע הונדערט טויזענד, האָבען אין דער דעמאָנסטראַציע זיך בעטייליגט העכסטענס זעקס ביז זיבען טויזענד פּערזאָן. און פון דער דאָזיגער צאָהל זענען אַרום פינף און נײַנציג פּראָצענט געווען שוסטער-אַרבייטער, וועלכע זייערע בעלי-בתים האָבען אַרויסגעשיקט אין גאַס, בעצאָהלענדיג זיי פאַר דעם טאָג. די מעקסיקאַנישע שיך-פאַבריקאַנטען האָבען מעהר פון אַנדערע דערפיהלט די קאָנקורענץ און דעם אונטערנעהמונגס-גײַסט פון יודישע אימיגראַנטען, און זיי האָבען גאָרנישט וועניג בײַגעשטייערט צו דער יודען-העצע פון די לעצטע וואָכען.

די נישטיגע צאָהל טיילנעהמער אין דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פּראַקטיש געוואָרען אונטער'ן לאָזונג: „דער טאָג פון נאַציאָנאַלען האַנדעל און ראַטוי געגען שלעכטע אויסלענדער", בעווײַזט, אַז די ברייטערע מעקסיקאַנישע מאַסען זענען געבליבען טויב צו דעם דאָזיגען רוף. מיט דער גאַנצער זיכערקייט קאָן מען זאָגען, אַז דער פאָלשטענדיגער דורכפאַל פון דער אַנטי-יודען-דעמאָנסטראַציע בעווײַזט, אַז ביז איצט איז נאָך דער אַנטיסעמיטישער מיקראָב אין מעקסיקאַנישען פאָלק נישט אײַנגעדרונגען. עס האָט זאָגאַר אָפט פּאַסירט אין די לעצטע עטליכע וואָכען, אַז די מעקסיקאַנישע קליענטען זענען געקומען אין די פּריוואַט-וואוינונגען פון די אַראָפּגעטריבענע יודישע הענדלער און בײַ זיי אײַנגעקויפט סחורה. אַנשטאָט, ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, זיך צו ווענדען צו די מעקסיקאַנער, וואָס די פּאָליציי האָט אַרײַנגעזעצט אין די „פּישקאַרטעס" אָנשטאָט די אַראָפּגעזעצטע יודען.

אַז דאָס מעקסיקאַנישע פאָלק אַלס גאַנצעס דאַרף נישט געמאַכט ווערען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער סקאַנדאַליעזער העצע געגען יודען, בעווײַזט דער פאַקט, וואָס עטליכע אַרבייטער-מיטינגען זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, אויף וועלכע די רעדנער זענען שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען דער אַנטי-יודישער קאַמפּאַניע. אויך די סטודענטענשאַפט איז נישט געבליבען אינגאַנצען גלײַכגילטיג צו דער העצע-קאַמפּאַניע. אַ גרופּע ליבעראַלע און ראַדיקאַל-געשטימטע סטודענטען פון מעקסיקאַנישען אוניווערזיטעט, מיט דער מאָראַלישער שטיצע און מיטאַרבייטערשאַפט פון עטליכע פּראָפעסאָרען, געגרינדעט אַ צוויי-וואָכען-שריפט. און וועלכער די העצער ווערען שאַרף געטאַדעלט און דעם פּרעזידענט אָרטיז-רוביאָ ווערט געוואָרפען אין פּנים אַרײַן זײַן מיטמאַכען אין דער שמוציגער וואַקכאַנאַליע. עס זענען שוין ערשינען עטליכע נומערען פון דער דאָזיגער שריפט, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „לאַ דעפענסאַ" („די פערטיידיגונג"). איינער פון די בערימטסטע מעקסיקאַנישע פּראָפעסאָרען און דענקער, אַנטאָניאָ קאַזאָ, וועלכער איז דער אָפּגאָט פון דער מעקסיקאַנישער סטודירענדער יוגענד, און וועלכער איז פון דער סטודענטענשאַפט אײַנשטימיג אויסגעוועהלט געוואָרען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק אַלס איהר „מאַעסטראָ" (וועג-ווײַזער און לעהרער), האָט דאָרט פערעפענטליכט אַ מוטיגע ערקלערונג, וואָרנענדיג די סטודענטענשאַפט געגען אַנטיסעמיטישען באַציל. אַ צווייטער בערימטער פּראָפעסאָר, דער פילאָלאָג קאַסאַנאָוואַ, אַליין אַ גלענצענדער קענער פון יודיש, האָט אויסגענוצט דעם יאָהר-טאָג פון דיזראַעלי'ס טויט דורכצושמוגלען אין דער גרויסער צײַטונג „על אוניווערסאַל" אַ זעהר פילאָסעמיטישען אַרטיקעל, כדי צו נעגענווירקען די העצע, וואָס די זעלבע צײַטונג האָט אָנגעפיהרט אין איהרע לייט-אַרטיקלען. געוויס זענען אויך געווען מיינונגען און אַ טייל פון דער מעקסיקאַנישער אינטעליגענץ, אַז די קאַמפּאַניע געגען יודען און בכלל געגען אויסלענדער איז אַ געזונדע ערשיינונג, און איז צו בעגריסען, אָבער אפילו די דאָזיגע אינטעליגענטען האָבען נישט געוואַגט אַרויסצוקומען מיט זייער מיינונג עפענטליך, און אין דער מאַניפעסטאַציע האָט מען טאַקע אויף אַ רפואה נישט געפינען קיין איין סטודענט און קיין איינציגען פאָרשטעהער פון דער אינטעליגענץ אָדער פון דער סאָציאַל-בעוואוסטזיניגער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט.

ווען אין יאָהר 1920 האָבען אָנגעהויבען אָנצוקומען קיין מעקסיקאַ קאָמפּאַקטע מאַסען פון מזרח-אייראָפּעאישע יודישע אימיגראַנטען, האָבען נאָך די מעקסיקאַנער קיין יודען אינגאַנצען נישט געקענט. דאָס וואָרט „בודיאָ" איז זיי אפילו יאָ בעקאַנט געווען, אָבער נאָר אין דער בעדייטונג, וואָס דאָס וואָרט האָט אין מעקסיקאַ: פּראָצענטניק. געקענט האָבען זיי אויך דאָס וואָרט „בוראַס" (יהודה איש כורת), וועמענס פיגור מען פערברענט דאָ אין די גאַסען יעדען קריסטליכען פּסח. די יודען האָבען אַ פּאָר יאָהר זיך דאָ אָנגערופען אַלס דײַטשען אויס מורא פאַר'ן מעקסיקאַנישען רעליגיעזען פאַנאַטיזם, אָבער די מעקסיקאַנער האָבען זיך ביסלעכווייז דערוואוסט, אַז אָט די אַלע קליינהענדלער, בײַ וועלכע זיי קויפען אויף זייערע זאַכען, שטאָלוואַרג, שיך און אַנדערע סחורות, זענען גאָרנישט קיין עכטע דײַטשען, נאָר „אַלעמאַנעס קאַרטאַדאָס" (געשמ'לטע דײַטשען). דאָס האָט אָבער די יודען אויף קיין האָר נישט געשאַדט, ווײַל דער יודישער קליינהענדלער האָט דעם מעקסיקאַנער געגעבען די סחורה מיט פּיפּצוג און אָפטמאָל אויך מיט הונדערט און נאָכאַהער פּראָצענט ביליגער, ווי די גרויסע מעקסיקאַנישע וואַרענהײַזער און געשעפטען. די דאָזיגע גרויסע האַנדעלס-הײַזער געהערען אַלע אָהן אויסנאַהם צו אויסלענדער און זייערע בעלי-בתים זיצען אין אייראָפּאַ און קריגען דעם פּראָפיט.

די קאָנקורענץ, וואָס די יודישע אימיגראַנטען האָבען געמאַכט די גרויסע, ביז דאַן פּריווילעגירטע פירמען, האָט זיך גאַנץ שנעל געלאָזט פיהלען, און די פּרעסע, וועלכע קוקט געוועהנליך דער רעגירונג אין מויל אַרײַן צוליב די אַדווערטייזמענטס, וואָס די רעגירונג גיט, האָט מיט גרויס צופרידענקייט קאָמענטירט אין 1925 די אײַנלאַדונג פון דעם נײַ ערוועהלטען פּרעזידענט קאַיעס, אַז יודען זאָלען זיך בעזעצען אין מעקסיקאַ אין אַ גרעסערער צאָהל.

נישט אַזוי האָבען אָבער אויף דער זאַך געקוקט די גרויסע אויסלענדישע האַנדעלס-פירמען, וועלכע זענען געוואוינט געווען צו קוקען אויפ'ן מעקסיקאַנישען מאַרק, ווי אויף זייער אויסשליסליכען מאָנאָפּאָל. שוין דאַן הויבט זיך אָן זייער אונטערערדישע אַרבייט, און אויב זיי האָבען נישט געקאָנט אַרויסקומען עפענטליך געגען די יודען, וואָס זענען שוין דאָ אין מעקסיקאַ, האָבען זיי אונטער די קוליסען געפיהרט אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַז מען זאָל ווייניגסטענס פערמאַכען די טויערען פון לאַנד פאַר ווייטערע יודישע אימיגראַנטען.

די פערביטערטסטע אין דעם קאַמף געגען יודען איז געווען די דײַטשע קאָלאָניע, און צוליב דריי מאָטיווען. ערשטענס זענען דאָ די צוויי גרעסטע אײַזען- און שטאָלוואַרג-פירמעס דײַטשע, און זיי האָבען שווער דערפיהלט די קאָנקורענץ פון די יודישע גרויס-אימפּאָרטירער און פון די יודישע קליינהענדלער אויף די מאַרק. צווייטענס, קאָנען נאָך די היגע דײַטשען ביז איצט נישט פערגעסען די „שאַנדע", וואָס די היגע יודען האָבען זיי אָנגעטאָן, זיך אָנגעבענדיג די ערשטע צײַט אַלס „אַלעמאַנעס" (דײַטשען). זיי האָבען שוין איינציגע מאָל געשריבען בריף אין די מעקסיקאַנישע צײַטונגען, זיך אָפּטרייסלענדיג פון די יודישע אימיגראַנטען, וואָס „בעשמוצען" זייער דײַטשען נאָמען; דריטענס, איז דאָ די דײַטשע קאָלאָניע, כאָטש קולטורעל — די שטאַרקסטע, פּאָליטיש און סאָציאַל — די רעאַקציאָנערסטע און אַנטיסעמיטיש. פאַר די היגע דײַטשען איז נאָך ווילהעלם — דער קייזער און די אַלטע דײַטשע פאָהן — די אײַנציגע, וואָס זיי הענגען אויס אין זייערע יום-טוב-טעג. אין דער איצט בארג-אַראָפּ-געהענדער אַנטי-יודישער פּראָפּאַגאַנדע האָבען אַ חלק, און נישט דעם קלענסטען, דײַטשע קעפּ.

אָבער נישט בלויז אויסלענדישע האַנדעלס-אינטערעסען האָבען געהאַט אַ האַנד אין דעם, וואָס עס איז לעצטענס פאָרגעקומען אין מעקסיקאַ, נאָר אויך ריין-מעקסיקאַנישע. איינער פון די, וואָס האָבען די גרעסטע שולד אין דעם אַראָפּטרײַבען די יודישע קליינהענדלער פון די מאַרק איז דער איצטיגער פּרעזידענט פון דער הויפּטשטאָט מעקסיקאַ, לאַמבערטאָ הערנאַנדעז, מעקסיקאַנישער סענאַטאָר און איינער פון די בעדייטענדסטע פיהרער פון דער הערשענדער רעגירונגס-פּאַרטיי. ער איז דער אייגענטימער פון איינעם פון די גרעסטע מעקסיקאַנישע אַפּטייק-געשעפטען און דער בעדייטענדסטער האָלסייל-אימפּאָרטירער אין דעם דאָזיגען האַנדעלס-צווייג. די צווייט-גרעסטע אַפּטייק-וואַרען-הויז איז אַ דײַטשע.

די דאָזיגע צוויי פירמעס האָבען געבעל-הבית'עוועט אויפ'ן היגען מאַרק ביז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, ווען עטליכע יודישע אַפּטייקער האָבען זיך פערמאָסטען אַליין צו אימפּאָרטירען. פון דאַנען נעמט זיך דער כעס פון לאַמבערטאָ הערנאַנדעז. אפילו נאָך נישט-זײַענדיג שטאָט-

(ענדע-זייט 10)

די אויסבעסערונגען צו דער געשיכטע

דאָס לאַנג-ערוואַרטעטע סענסאַציאָנעלע ווערק פון מאַרשאַל פּילסודסקי

(*II

בײַם מחבר פון די „אויסבעסערונגען צו דער געשיכטע" געהט די שנאה צו דאַשינסקי'ן האַנד בײַ האַנד מיט זײַן אַנטיפּאַטיע צו דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. דער דאָזיגער פאַקט קומט אַרויס בולט צום אויסדרוק און זײַנע רעפלעקסיעס בנוגע דער צײַטווײַליגער קאָמיסיע פון די קאָנפעדערירטע אומאָפּהענגיגקייטס-גרופּירונגען". די דאָזיגע קאָמיסיע האָט מען געהאַלטען אַלס ווערק פון די לינקע פּאַרטייען, און ענטשטאַנען איז זי אין יאָהר 1912, ווען אויפ'ן אייראָפּעאישען האָריזאָנט האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווײַזען די ערשטע ערנסטע סימנים פון דער קומענדער וועלט-מלחמה. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע איז געשאַפען געוואָרען דורך פּילסודסקי'ן, „וועלענדיג אַזוי אַרום ווי ער שרײַבט — אָרגאַניזירען כאָטש אַ שטיק פון אַ פּאָליטישער מאַכט, אויף וועלכער איך זאָל קענען ווי נישט איז אַרויפוואַרפען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר מײַנע שריט, כדי די דאָזיגע אחריות זאָל נישט ליגען בלויז אויף מײַנע פּלייצעס". און דאָ קומען די כאַראַקטעריסטישע ווערטער פון מאַרשאַל פּילסודסקי, וועלכען מ'האָט נאָך אין יאָהר 1926 געהאַלטען פאַר אַ סאָציאַליסט און בײַ דער מאַי-איבערקעהרעניש האָבען די לינקע אויף איהם אַרויפגעלעגט גרויסע האָפנונגען: „איך האָב קודם כל אויסגעמעקט די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען געקענט מעהר שאַדען ברענגען, ווי העלפען". צוליב דעם האָט פּילסודסקי בעפוילען סלאַוועק'ן און סאָקאָלניצקי'ן צו גרינדען אַ צענטער-גרופּע אין דער קאָמיסיע. בײַ דער דאָזיגער געלעגענהייט דריקט זיך אַזוי אויס דער מאַרשאַל וועגען דאַשינסקי'ן און זײַן פּאַרטיי. „וואָס שייך די פּ.פּ.ס. אין גאַליציע מיט דאַשינסקי'ן בראָש, איז זי בכלל אין אָנהויב נישט געקומען אין חשבון. הויפּטזעכליך צוליב דער פּערזאָן פון דאַשינסקי'ן, וועמען [illegible] נאַריש-בעלפערישער טאָן, וואָס [illegible] מיר אין אָנהויב געקענט קאַליע מאַכען אַלץ, וואָס איך האָב אָנגעהויבען".

פּילסודסקי האָט אָבער אָפּגעטרעטען און פּ.פּ.ס. איז אַרײַן אין דער קאָמיסיע. אין דער דאָזיגער צײַט איז די פּאָליטישע לאַגע געווען זעהר פערשאַרפט. פּילסודסקי שרײַבט, אַז אין יאָהר 1913 האָט מען איהם מודיע געווען פון עסטרײַכישען גענעראַל-שטאַב, אַז ער זאָל אין משך פון די נאָהנטסטע פיר וואָכען אַרויסגעהן פון שטאָב, ווײַל יעדען מאָמענט קאָן ווערען אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל פון מאָביליזאַציע. און דאַן וואָלט ער, לויט דעם אָפּמאַך מיט'ן עסטרײַכישען שטאַב בעדאַרפט צוזאַמענרופען אַלע פּוילישע „שיסער"-אָרגאַניזאַציעס קיין [illegible]. די פערשאַרפונג פון דער פּאָליטישער לאַגע איז אָבער דאַן בעזײַטיגט געוואָרען. וועגען די סבות, וואָס האָבען גורם געווען אויסצומײַדען די מלחמה אין יאָהר 1913 דערצעהלט פּילסודסקי אַ טשיקאַווען אַנעקדאָט. „די הויפּט-מניעה אַרײַנצושיקען אַן אולטימאַטום צו רוסלאַנד, איז געווען דער אַלטער קייזער פראַנץ יאָזעף. און כדי איהם צוביסעל אויפצומונטערן איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די קאָרפּוס-גענעראַלען פון דער עסטרײַכישער אַרמעע זאָלען זיך איינער נאָכ'ן צווייטען מעלדען צום מאָנאַרך מיט אַ ראַפּאָרט, אַז זייערע קאָרפּוס'ן זענען גרייט אויף אַלע עווענטועלעמענטען. דער קייזער האָט רוהיג אויסגעהערט די ראַפּאָרטען און צום סוף האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט שוין דאָס אין זײַן לעבען אַמאָל געהערט פון גענעראַל בענעדעק, וועלכער האָט פערשפּילט די מלחמה מיט פּרייסען אין יאָהר 1866 אין דער בערימטער שלאַכט בײַ סאַדאָוואַ. דער קייזער האָט דאַן נאָכאַמאָל בעשלאָסען צו רעדען מיט ניקאָלאַי דעם צווייטען און צו איהם אַרויסגעשיקט דעם פירשט ליכטענשטיין".

די בעליידיגענדע ווערטער אויף דער דאַשינסקי'ס אַדרעס ווערען זעהר אָפט ווידערהאָלט אין'ם קאַפּיטעל, וואו דער מחבר מאַכט זײַנע בעמערקונגען צו דאַשינסקי'ס מעמואַרען. צו די דעליקאַטעסטע בעליידיגונגס-ווערטער געהערען שוין אַזעלכע ווערטער, ווי: „די קינדישע אויסטעלען פון ה' דאַשינסקי און זײַנע לעכערליכע פאָרשטעלונגען וועגען די געשעהענישען, פון וועלכע ער איז געווען אַנ'עדות".

און צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאָלעמישער זײַט פון פּילסודסקי'ס „אויסבעסערונגען צו דער געשיכטע" ווילען מיר נאָך ברענגען 2 כאַראַקטעריסטישע אויסציגען בנוגע די גענעראַלען זאַגאָרסקי און שוקאָרסקי. ווען עס איז געשאַפען געוואָרען דער „נאַציאָנאַלער הויפּט-קאָמיטעט" אין קראָקע, האָט מען זיך אָנגעהויבען — לויט דער ערקלערונג פון מאַרשאַל פּילסודסקי — אַרומצודרעהען אַרום דער בעטייליגונג פון זײַן אָפּטיילונג. און ווען פּילסודסקי איז צוריקגע[illegible] זיך אַרײַן אין די ענינים פון זײַנע „שיסער"-אָפּטיילונגען. פּילסודסקי שרײַבט: „איך האָב זיך תיכף געמעלדען צו דער קאָמענדאַנטור, וואו איך האָב געטראָפען 2 הערען, איינער פון זיי איז געווען דער גענעראַל באַרטשינסקי און דער צווייטער — קאַפּיטאַן זאַגורסקי. בײַדע האָבען גערעדט פּויליש, איינער לאַנגזאַם און אײַנגעשטימט אַ סך דײַטשישע ווערטער, דער צווייטער גיך אָבער אַ זעהר נייעם פּויליש. ווען איך האָב פערלאַנגט פון גענעראַל אַנ'ענטפער, מיט וואָס פאַר אַ רעכט ער גיט אַרויס בעפעהלען צו אָפּטיילונגען, וואָס געהערען נישט צו איהם, האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט, צי ער האָט נישט קיין רעכט דערצו. אָנווײַזענדיג דערבײַ מאַיעסטעטיש אויפ'ן קאַפּיטאַן זאַגורסקי. דער קאַפּיטאַן האָט דאַן אָנגעהויבען צו רעדען גיך און אַ סך אויף אַלע מײַנע פאָדערונגען, אַז דער דאָזיגער קאַפּיטאַן זאָל אָנווײַזען ווער עס האָט איהם בעפוילען [illegible] מיט מיר צו רעדען, האָט דער קאַפּיטאַן קיין איינמאָל נישט דערמאָנט יענע 2 הערען וועגען וועלכע איך האָב שוין פריהער גערעדט (עס האַנדעלט זיך וועגען 2 אָפיצירען פון עסטרײַכישען גענעראַל-שטאַב), נאָר ער האָט זיך בערופען אָדער אויפ'ן נאַציאָנאַלען הויפּט-קאָמיטעט, אָדער אויפ'ן אויבער-קאָמאַנדיר פון דער עסטרײַכישער אַרמעע, גענעראַל קאָנראַד. איך האָב דעריבער ברוטאַל פערענדיגט דאָס געשפּרעך, פעסטשטעלענדיג, אַז איך האַלט זיי נישט פאַר קיין אָנפיהרער'ס. באַרטשינסקי און זאַגורסקי האָבען מיר דאַן ערקלערט, אַז זיי פערוועהרען מײַנע אָפּטיילונגען, וואָס זענען פערזאַמעלט הינטער קראָקע אַרײַנצוטרעטען די גרענעץ פון עסטרײַך".

*) זעה „לאָדזער טאָגעבלאַט" נומער 141

לאָדזער שטאָט-טעאַטער
גאַסטשפּילן פון דער
ווילנער טרופּע
דיר. מ. מזאה
XVI 15-יעהריגער יובל-טורנע XVI
היינט פרייטאָג, דעם 26-טען יוני, 9 אָוונד 2-טע פּרעמיערע
„די ברויט-מיהל"
(טוביער) פון דוד בערגעלסאָן. פון דוד בערגעלסאָן.
אינסצעניזאַציע און רעזשי: יעקב ראָטבוים, דעקאָר.: אַנדזשיי פּראָנאַשקאָ.
שבת ד. 27-טען יוני דריי פאָרשטעלונגען
12 אַזייגער צו פּאָפּולערע פּרייזען פון 40 גר. ביז 1.60 זל. י. ל. פּרץ'ס
„בײַנאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק"
מיט אַ סאַמבערג אַלס לץ, בדחן - יעקב ווייסליץ
4 בייטאָג צו ביליגע פּרייזען פון 40 גר. ביז 2.60 וויליאַם שעקספּיר'ס
דער סוחר פון ווענעדיק (שיילאָק) מיט א. סאַמבערג אַלס שיילאָק
9 אָוו. צום 2. מאָל דוד בערגעלסאָנ'ס „ברויטמיל" אינסצעניזאַציע און רעזשי יעקב ראָטבוים, דעקאָר. א. פּראָנאַשקאָ
אין פּראָבען „200.000" פון שלום עליכם

St. KOLUMNA przed Łaskiem
Pensjonat „ZACHĘTA"
willa CZERWINSKIEGO
zapewnia miłe spędzenie wywczasów letnich wypoczynek na zdrowem powietrzu w lasach nadzwyczajną **kuchnię rytualną** szybką i grzeczną obsługę. Oto główne walory pensjonatu „Zachęta" pozostającego pod kierownictwem doświadczonych fachowców
właść. Pola Rozenesowa
Na stacji goście są oczekiwani. Informacje: M. Kapelusznik
11-go Listopada 8, skład kapeluszy.

אויף צו=להכעיס

יודישקייט און איהרע טרעגער

פון ד"ר א. מוקדוני

ענטוויקעלט זיך א זעקסטער חוש ביים מענשען?

א שמועס וועגען מעטאפסיכיזם און אנדערע סודות פון דער נאטור

פון א. הענדלער

פון דער סדרה

פערל פון אלטען אוצר

געזאמעלט פון פ. ז. גליקסמאן

פארוואס ווערט אנגערופען די מצוה פון פרה אדומה מיט אזא אלגעמיינעם נאמען „חוקת התורה“? די גמרא זאגט: „ביום שנת רבי בטלה כהונה“ (אינ'ם טאג, ווען רבי איז געשטארבען איז בטל געווארען די כהונה), ר. ה., אז רבי צוליב זיין גרויס הייליגקייט האט ביי

(באר מים חיים און קדושת לוי).

ויקחו אליך פרה אדומה תמימה.

לאמיר בעטען בייסאמען (?)...

דער ווירקענדער כח. און דאס איז דער ענין פון „קבלה מעשית“. (פראקטישע קבלה) אזוי געפינט מען אויך און דער גמרא (סוטה ג"נ), אז דוד האט געזאגט א שם און איז געפלויגען אין דער לופט.

(בריהי זהב פון ר' ברוך בענדיט מלאסק)

מפרשים, אז א מת איז נישט קיין מקום טומאה, און יחזקאל האט זיך געפינען „על נהר כבר“, אזוי ארום האט די שכינה געקאנט דארט רוהען, דערויבער שטעהט אויך דא „אשר על הנהר“.

(רבי ר' יונתן אייבעשיץ).

דער ציגיינער-יוד

פון — ר"ד א. קאַראַלניק

ווען מיר זענען געווען קינדער און האָבן געלערנט נאָך אונזער שול-געאָגראַפיע, פלעגט אונז תמיד פאַרדריסען: א בלעטעל אין אונזער שול-בוך — אין דער געאָגראַפיע פון סמירנאָוו. דאָרט זענען געווען אויסגערעכנט אַלע פעלקער פון דער וועלט — און ביי יעדן פאָלק דער פלאַג פון זיין לאַנד, אָדער דער נאַציאָנאַלער טיפּ. דער דייטש איז געווען תמיד א דיקער, מיט א ליילעכ-רונגען פּנים און הילצערנע שיך; דער ענגלענדער — אין דעם קאָסטיום פון א „סקוואַיער" — אַנ'אמת'ן בולדאָג; דער שפּאַניער מיט א גיטאַר א. אַז. וו. נאָר ביי צוויי מענשען-טיפּען האָט געפעהלט אין דער פלאַג און דער „טיפּ" — און דאָס זענען געווען: ציגיינער און יודען. און אַזוי האָט מען זיי אויך תמיד צוזאַמענגעשטעלט: יודען און ציגיינער אויף דער אייגענער מדרגה. און מיר, קינדער, האָבן זיך געפיהלט זעהר בעליידיגט.

און א סך פון אונז זענען געבליבען בעליידיגטע עד היום. אַנדערע אָבער זענען אויסגעוואַקסען, אַריבערגעוואַקסען אפילו די בעליידיגונג אויך. „ציגיינער?" מילא — נו, וואָס-ושע? נישט קיין מענשען? און בכלל, וועמען אַרט עס וואָס מען זאָגט און וואָס מען רעדט?

און ווידער אַנדערע האָבן עס זיך אַזוי גענומען צום האַרצען, אַז זיי זענען אַליין געוואָרען ציגיינער — יודען-ציגיינער אָדער ציגיינער-יודען, מיט אַלע מידות און אַלע מעלות פון ציגיינער: נאָמאַדען, מענשען אין ביידלעך, האַלב-לצים און האַלב-זשאָנגלערען („שאַרלאַטאַנעם") — זאָגט מיר אונטער א פריינד, שאַרלאַטאַנעם איז דאָס ריכטיגע וואָרט. אָבער איך לאָז נישט צו די קאָרעקטור. נישט שאַרלאַטאַנעם. נאָר אויב איהר ווילט שוין גאָר ברוטאַל — קאַליאָסטראָס, אַוואַנטוריסטען, שפּילער מיט'ן לעבען!).

און מאַסקירטע יודען געהען אַרום איבער דער וועלט.

אָפט טראַכט איך, אַז הומלער איז אין א געוויסען פּונקט נישט אַזוי אומגערעכט. ווי בעקאַנט, פאָדערט דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם, אַז מען זאָל יודען פערוועהרען זיך צו בעטייליגען אין דער אַלגעמיינער קולטור — שרייבען ביכער, דרוקען צייטונגען א. אַז. וו. — סיידען אין דער „יודישער", אָדער ווי די ווינער אַנטיסעמיטען פערלאַנגען — אין דער העברעאישער שפּראַך (און ווייט איז מען העבראַאיסטיש, ראַדיקאַל-ציוניסטיש געשטימט).

עס וואָלט אפשר געווען נאָר נישט אַזא שלעכטער פּלאַן. יודען שרייבען אַביסעלע שיין צופיל. אויב נישט יעדער צווייטער. אָבער יעדער פערטער יוד איז געוויס א שרייבער, אָדער לכל הפחות א שרייב-גלוסטיגער. וואָס פאַר א יוד — אַבי ער קען נאָר א לעק ענגליש, אָדער דייטש אָדער אַנ'אַנדער שפּראַך — חלומ'ט נישט פון „איינגעהמען" דעם ענגלישען, אָדער דעם דייטשען פאַרנאַס? וואָס פאַר א יוד, וואָס פערדינט נאָר דעם נאָמען, רייסט זיך נישט צו די שפּיצען? און מען שרייבט אויף וואָס די וועלט שטעהט. און די נישט-יודען פיהלען זיך אָפט און א פרעמדער סביבה. מאָלנאַר שרייבט טאַקע גוט, ברילאַנט, וויציג — אָבער, אָבער סוף-כל-סוף, דער עלטער „מאַדיאַר" מיט די קאַסע אויגען און די שוואַרצע וואַנצעס פיהלט נישט זיין מאַדיאַרען-בלוט אין מאָלנאַר'ס קאָמעדיע. עס איז צו וויציג פאַר איהם, צו ניסטרעך, און דערפאַר אומנאַטירליך. און דעם מאַדיאַר ווילט זיך, ווי דער אונגאַרישער ראָמאַנטיקער האַלאַמאַן מיאה האָט זיך אַמאָל אַזוי פּלאַסטיש אויסגעדריקט וועגען איינעם פון זיינע העלדען — „געהן באַרוועס מיט דער צונג", רעדען אַזוי נאַטירליך, ווי ער קאָן", און דער עיקר, טראַכטען באַרוועס מיט זיין איינענעם מאַדיאַרישען קאָפּ. אָבער פונדעסטוועגען, אַזא געוואַלדיגער פּאַטריאָט פון די פערשיידענע נאַציאָנאַלע קולטורען בין איך נאָך נישט, און אפילו די פערפלייצונג, די „יודישע אינוואַזיע", אַרט מיך אויך נישט אַזוי שטאַרק.

עס איז נישטאָ קיין גרויסע סכנה, אויב עס וועלען זיין נאָך א פּאָר שרייבער מיט פּסעוודאָנימען. מיך אינטערעסירט מעהר די יודישע זייט פון דער פראַגע. דייטשען און יודען קאָנען בעשטעהן; קאָנען אָבער אויך יודען בעשטעהן, אַז עס זאָל צווישען זיי, פון זיי אַרויסוואַקסען אַזוי פיל ציגיינערײַ, אַזוי-פיל זשאָנגלירערײַ, אַזוי-פיל לופטמענטשען, קאָרטענוואַרפער און פערד-בייטער?

איך וואָלט דערפאַר אַריינגעטראָגען אַנ'אויסבעסערונג צו הומלער'ס פּראָגראַם: מען זאָל יודען אויף א משך פון דרייסיג יאָהר, ד.ה. א גאַנצען דור, פערוועהרען צו שרייבען אַנ'אַנדער שפּראַך — א חוץ יודיש אָדער העברעאיש — וועגען יודען. אויב א יוד מוז שוין שרייבען, אויב ער קאָן שוין נישט גובר זיין דעם נסיון — זאָל ער טאָן לויט דער תלמודישער עצה: „זאָל ער זיך אָנטאָן אין שוואַרץ, בעדעקען זיך אין שוואַרץ, אַוועקגעהן אַנ'אָרט וואו מען קען איהם נישט און טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט".

אָט א שטייגער ליגט אויך אונזער אַלטער „קאָלעגע" קאָנראַד בערקאָוויטש — פאַרדאָן, איך מיין בערקאָוויטשי. אָט דעם ציגיינער — בערקאָוויטשי, וואָס האָט זיך קונה שם געווען ביי די „דעליי-גרעפיר"-לעזער מיט זיינע האַרצרייסענדע, טרעהרענפולע מעלאָדראַמען פון זיין „פאָלק". פון זיין געליבטער ציגיינערישער נאַציע איהר לאַכט? בערקאָוויטש, וואָס פלעגט זיך מאַטערן און דער יודישער פּרעסע — א ציגיינער! לאַכט נישט, קינדער. ערשטענס, פון וואַנען ווייסט איהר, אַז ער איז נישט קיין ציגיינער? ווי האָט אַמאָל דער אַלטער ר. א. ברוידעס געזאָגט: „וואָס דאַרפט איהר זיך מוטשען צו רעדען גוי'איש, מען זאָל תיכף דערקענען, אַז איהר זייט יודען? — רעדט העברעאיש, וועט מען זעהן, אַז איהר זייט גויים". און פון בערקאָוויטשי'ס יודיש האָט מען באמת געקאָנט בעקומען דעם איינדרוק, אַז ער איז צום ווענינסטען א — ציגיינער.

און פאַרוואָס נישט? לאָז א יוד פערדינען. אויב א לימוואַק קאָן ווערען אַנ'אָס, ווען מען דאַרף — פאַרוואָס זאָל א רומענישער יוד נישט פערשטעלען זיך פאַר א ציגיינער — צוליב „פּרנסה"? געוויס — אָט דערגעהט דער מאַסקאַראַד צו ראַבעלעיאישע קאָמיזמען. אָט האָב איך געזעהן א מעשה, וועגען דעם איינענעם בערקאָוויטשי — אין „דעליע-נימאָר", דוכט זיך — ווי ער האָט זיך געטראָפען מיט שאַרלי טשאַפּלין אין האָליוואָאָד. מיר אַלע מיינען דאָך, אַז טשאַרלי איז אַנ'ענגלענדער — אָדער א יוד, ווי יודען בערוהמען זיך — האָבען מיר אַלע א טעות. טשאַרלי איז א גאַנצער, אָדער א האַלבער ציגיינער. א סימן — קוים האָט ער דערזעהן זיין „ראָמאַני", דעם ציגיינער-ברודער בערקאָוויטשי, האָט ער איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד און איהם אַנטקעגענגערופען אַנ'עכט ציגיינערישען גרוס: „פּיראַ-מירלאָ" — ד. ה. מיין ברודער! און בערקאָוויטשי'ס האַרץ האָט זיך געבערעהט אין זיין בוזים, ווען ער האָט געזעהן אַזויפיל ליבע צו זיין מוטער-שפּראַך.

איהר לאַכט שוין ווידער? — זאָג איך אייך בהן שלי, אַז מיר איז בערקאָוויטשי דער ציגיינער ליבער, ווי בען העכט דער אַמעריקאַנער יוד.

מהמת, וואָס מיט בערקאָוויטשי פאַר א רעה? און אפילו ווען די בערקאָוויטשיס פון דער גאַנצער וועלט — מיט מעהר זיין פאַר הומאָר און מיט מעהר בענאַבונג — מאָלען אויס די סביבה וואו זיי לעבען, ווען זיי בעשרייבען דאָס אונגאַרישע, דייטשע, פראַנצויזישע, אָדער אַמעריקאַנישע לעבען. ווי „אינגענע" — וועמען אַרט עס? און אפילו ווען יעקב וואַסערמאַן גיט אונז פאַנטאַסטישע, אויסגעטראַכטע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזען פון דעם דייטשען לעבען — ווער ליידט דערפון? העכסטענס וועט די כּרוניקע — אַזוי ווייט ווי זי איז נישט געמאַכט פון יודען — געפינען פעהלערן, פּגימות, פּסיכאָלאָגישע אוממעגליכקייטען. דער איינציגער, וואָס וועט ליידען דערפון, איז דער שרייבער, און וואָס אַרט עס עמיצען?

אָבער אָט קומט א יוד — ווי דער שיקאַגער זשורנאַליסט בען העכט — א זשורנאַליסט, ווי ער וואַקסט נאָך אויף יודישע בוימער, ד. ה. ציניש און אויבער-הסברה'דיג, האַלב-געבאַקען און חוצפה'דיג ביז צו נאַאיוויטעט. מיט אַ נגהויערע פּרעטענזיעס, און מיט דער טאַקטלאָזיגקייט פון א גאַסען-יונגעל, וואָס שטרעקט אַרויס די צונג — און דערביי מיט דעם איינענאַרטיגען גלאַנץ און פרישקייט פון א יודישען זשורנאַליסט. — ווען עס לוקט אַזא פּרי פון דער גרויס-שטאָט-גאַסיגע ציוויליזאַציע און וויל: מאָלען יודען, און וויל זיך — אָפּרעכענען מיט יודען! ווייסט איהר, וואָס עס קומט דערביי אַרויס? אַזא נאַרישער פּאַמפלעט ווי דער אַזוי-גערופענער ראָמאַן „עי דזשו אין לאָוו" (ווען א יוד איז פערליבט*)

איך הער פון אַלע זייטען — פון אַלע די, וואָס האָבען געלייענט דעם ראָמאַן קוואַזי-ראָמאַן — א צאָרנדיגען פּראָטעסט. זיי זשאַלעווען נישט קיין ווערטער און נישט קיין עפּיטעטען — די יודישע לעזער, ווי שוימען ממש, ווען זיי רעדען וועגען בען העכט.

און איך פרעג זיי: וואָס ווייסט איהר אַזוי אין כעס? קאָן בען העכט נישט שרייבען קיין ראָמאַנען — וואָס קומט איהם דערפאַר? נעהמט זיין טאַלאַנט נישט ווייטער פון א לגרעצען צייטונגס-פעליעטאָן, האַלב-רעפּאָרטאַזש און האַלב פאַנטאַזיע, אין טראָפען טאַלאַנט אמת און ניין-און-ניינציג חוצפה — מילא, ווער זאָגט עפּעס. אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט אַזא שרייבער ווי בען העכט?

און צוריק-גערעדט — דער זשורנאַליסט און קאַריקאַטוריסט בען העכט האָט דאָך אויסגעמאָלט א לעבעדיגען, א ריכטיגען טיפּ. מיר ווייסען דאָך אַלע. ווער דער ראָמאַנער „פאַרליבטער", מר. זאַ באַשער — געוועזענער נגיד — איז. יעדער דערקענט איהם — אין דער פּאַרטרעט איז ריכטיג. מיר זעהען די באַשער'ס אויף יעדען טריט — אָט די יודען, וואָס ווילען פערגעסען און אַנטלויפען, וואָס האָבען זיך אַזוי ווייט „בעפרייט" פון זייער יודענטום, אַז זיי קאָנען זיך שוין פערגינען אפילו דעם ליקסוס צו האָבען „יודישע פריינד" אויך. ער לויפט אַרויף אויף בראָדוויי — אָט דער באַשער, און איהר טרעפט א'ס אויך אויף די בולוואַרען פון פּאַריז, אָדער אין די קאַפעס פון בערלין אָדער ווין. עס איז דאָ א טיפּ יודישער „אינטעליגענט", [illegible] אין פאַל מיט פּאַראַדאָקסען, שפּאַט אינ-

(ענדע — זייט 11)

*) וועגען דעם ראָמאַן בוך איז שוין מיט א קורצער צייט צוריק געווען אַנ'אָפּהאַנדלונג אין „ל.ט." — רעד.

דער חלום

(פון ר' בערעל-לייב'ס וואונדערליכע מעשיות)

איבערדערצעהלט פון ב. תפוח

געווען איז עס אין א זומערדיגען ראש-חודש-טאָג. אין דרויסען האָט געשיינט א ליכטיגע זון, די עטליכע ביימער, וואָס זענען געשטאַנען פאַר'ן בית המדרש זענען געווען צוואַקסען; ר' בערעל-לייב איז געווען אין א געהויבענער שטימונג און ער האָט אַזוי דערצעהלט:

וועגען דעם ווי אַזוי ר' אוטשע מאיר האָט אָנגעהויבען פאָהרען קיין קאָצק — איז עס א מעשה פלא:

געווען איז עס בימי בחרותו: ווען אוטשע מאיר ז"ל איז געווען א יונגערמאַן נאָך דער חתונה, איז געזעסען ביים שווער אויף קעסט און פערבראַכט זיינע טעג אין נעלט אין תורה און אין עבודה. ויצט ער אַזוי איין מאָל שפּעט ביינאַכט אין בית המדרש ביי חצות. שטיל איז געווען אין בית המדרש. די לאָמפּען זענען שוין געווען אויסגעלאָשען און נאָר יאָהר-צייט ליכט האָבן אבילותדיג געברענט אויפ'ן עמוד. און דער ארון קודש איז איינגעהילט אין שוואַרצע שאָטענס, שטעהט פערשלאָסען. דער טרויער פון גלות הויערט אין בית המדרש און פון ארון קודש נעהמט אויף א קול:

— אוי להם לבנים — וועה איז צו די קינדער — שגלו — וואָס זענען פערטריבען געוואָרען פון טאַטענ'ס טיש און גלות אַריין.

זיצט ר' אוטשע מאיר אויף דער ערד, דעם קאָפּ געבויגען און מיט אש בעשוט. אין האַנד — א חלב'ען ליכטעל און דאָס האַרץ זיינס וויינט און דער שטיל:

— עד מתי עוזך בשבי, ותפארתך ביד צר? —

און מכוון איז ער דערביי: יעדען טאָג איז יעדער יוד אָנגעבונדען צו פערשידענע פּורעניות'ן און שלעק... און אויף וועמען זאָל מען זיך פערלאָזען? און ווער וועט טרייסטען און אָפּהיטען?

און דאָס האַרץ זיינס פערגעהט פון גרויס בענקעניש נאָך טרייסט און די נשמה פיהלט דעם גרויסען צער פון גלות... ביסלעכווייז ווערט זיין קול שוואַכער און שוואַכער, א שווערע מידקייט נידערט אויף איהם אַראָפּ און די אויגען זיינע מאַכען זיך צו. דאָס ליכטעל פאַלט אַרויס פון האַנד, פערלעשט ווערט — און ר' אוטשע מאיר האָט איינגעדרימעלט.

ויהי חלום — און עס האָט זיך איהם געחלום'ט:

ער געפינט זיך אין א וויסטער מדבר. דער הימעל איבער'ן קאָפּ הענגט א שוואַרצער, אָהן שטערען, ווי אויסגעגאָסען פון פערדיכטעטער סמאָלע. די ערד אונטער די פיס איז טרוקען ווי ביין, בעשאָטען מיט שטעכעדיגע שטיינדלעך, שטיינערנע דערנער וואַקסען און גרויס פחד נעהמט אויף פון זיי... און היילען זענען פערהאַן פון אַלע זייטען, און פון די היילען קוקען אַרויס שוואַרצע מחבלים, לאָקערן מיט שאַרפע ציינער און מיט פינסטערע רציחה'דיגע אויגען. און א גרויס ציטערניש האָט איהם אַרומגענומען: דאָס איז דאָך אונזער וועלט, וואָס איז פינסטער... אָט אַזוי לאָקערט מען אויף אונז מיט פינסטערע רציחה'דיגע אויגען... און ווער וועט אַכטונג געבען און טרייסטען? און ווער וועט אָפּהיטען און לינדערן דעם צער? — אז עס איז פינסטער אַרום!

פלוצלונג דערזעהט ער: פון מזרח-זייט נעמט אויף א גרויס ליכטיגקייט... איז ער לאָזט זיך לויפען אהין. די שפּיציגע שטיינדלאַך שטעכען זיינע פיס, די שטיינערנע דערנער רייסען די קליידער פון איהם נאָר ער לויפט ביז ער קומט צו צו א קלאָר טייכעל. און לעבען טייכעל איז א באַרג. און דער באַרג איז איינגעטונקט אין גרינס. ווייכע גראָזען, פלאַנצען פון מילדען ווינט און פּרחים וואַקסען און ביימער זיך און אַלערליי פאַרבען... הויבט ער אויף זיינע אויגען און ער דערזעהט: אויפ'ן שפּיץ באַרג שטעהט א זקן מיט א זילבער-ווייסע באָרד, לאַנגע ווייסע פּאות און מכף רגלו ועד ראשו איז ער באַדעקט מיט פּרחים. מיט — תפארת! און א ספר תורה האַלט דער זקן אין די הענט. אין יעדער אות שיינט און לייכט... און א קול הערט זיך: אז מען היט אָפּ די תורה איז מען בעוואָרענט געגען אַלע משחיתים. און ר' אוטשע מאיר פיהלט: עס ווערט איהם גרינג און גוט אויפ'ן האַרצען. דעם זקן'ס בליקען גיסען זיך אין איהם אַריין און זענען איהם מחיה און טרייסטען איהם. שטרעקט אויס די הענט מיט גרויס תשוקה:

— ולמפני רבנו!..

דער זקן האָט זיך צושמייכעלט, האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום וועג און געזאָגט:

— דער וועג פיהרט קיין קאָצק!

דאַרף מען נאָך מעהר? — דאַכט זיך: כלאר!..

האָט ר' אוטשע מאיר זיך באַלד בעגונען אויפגעהויבען, הענט און פּנים געוואַשען, אָפּגעדאַוונט. און דער היים גאָרנישט געזאָגט. און אז די זון האָט זיך גענומען בעווייזען, איז ער אַרויס פון שטעטעל און זיך געלאָזט מיט'ן וועג, וואָס פיהרט קיין קאָצק.

און אז דער בעל דבר האָט דאָס דערשמעקט, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט נאָך איהם כדי איהם צו שטרויכלען און נישט דערלאָזען, אַז די צוויי גרויסע צדיקים זאָלען זיך צוזאַמענקומען...

געהט ער זיך אַזוי פערטראַכט אויפ'ן וועג און דאָס וואָס ער האָט געזעהן אין חלום שטעהט איהם יעצט פאַר די אויגען.

מיט אַמאָל — און עס נעמט טרייבען א שטאַרקער ווינט. הויבט אָן פליקען די בלעטלעך פון די צווייגען; הויבט אויף גאַנצע כוואַליעס זאַמד אויפ'ן וועג און פערשיט די אויגען. דער הימעל פערציהט זיך מיט שוואַרצע וואָלקענס און עס ווערט פינסטער. עס דערטראָגט זיך א מורא'דיגער רעש. א פייערדיגער בליץ שניידט דורך די פינסטערקייט און — א שלאַקס-רעגען האָט אויסגעבראָכען.

אָבער ר' אוטשע מאיר געהט זיך זיין וועג. עס רעגענט? — וואָס אַרט עס איהם? דאָס האַרץ ציהט מיט גרויס בענקשאַפט און ער געהט. דאָס וואַסער פלייצט איבער'ן וועג, זאַמעלט זיך אום זיינע פיס, ווערט העכער און העכער. ער געהט שוין נישט אויף קיין וועג נאָר אין א טייך... דאָס וואַסער גרייכט שוין איבער זיינע קניהען. אָבער עס איז נישט מפסיק פון לערנען אויסווענדיג, און די זעהונג פון חלום איז אַלץ פאַר זיינע אויגען, און ער געהט. דאָס וואַסער שטייגט דערווייל אַלץ העכער און העכער. כוואַליעס רוישען אַרום איהם. דאָס וואַסער דערגרייכט שוין ביז'ן האַלז און ער איז א דערשראָקענער אויף א ווייל שטעהן געבליבען.

שטעהט ער און א טיפען טייך. דער רעגען פלייצט. פינסטער איז אַרום און קיין לעבעדיג נפש איז נישטאָ אַרום. האָט ער אויסגערופען מיט אַביסעל הלפרה:

— עד מתי עוז בשבי?!

גלייך פערשטאַנען, אז דאָס איז א שפּיצעל פון שטן, האָט ער א שמייכעל געטאָן. געזאָגט צו זיך אַליין: „השלך על ד'" — פערלאָזט זיך אויף גאָט און האָט גענומען געהן ווייטער.

און א וואונדער: וואָס ווייטער ער געהט, אַלץ נידעריגער ווערט דאָס וואַסער. פונקט אַזוי ווי ער וואָלט אַריבערגעגאַנגען א טייך און אַרויס אויף דער אַנדערער זייט.

דערווייל האָט זיך דער הימעל גענומען לייטערען און ווען ער איז צוגעקומען צום וואַלד — האָט זיך די זון שוין געהאַט צוריק בעוויזען...

נאָר דערמיט ענדיגט זיך עס נאָך נישט.

קומט ער צו צום וואַלד א מידער א נאַסער. די מלבושים זענען דורכגענעצט, קלעבען זיך צום לייב. זעצט ער זיך אָפּרוהען. אָבער ווי אַזוי קען ער זיצען אין אַזעלכע נאַסע קליידער? טראַכט ער איז נישט מפסיק פון לערנען אויס- און וועט זיי אויסטריקענען אויף דער זון.

ס'איז שוין ווייט נאָך האַלבען טאָג, דאַווענט ער אָפּ מנחה. דערנאָך ציהט ער אויס די מלבושים, לעגט זיי אַוועק טריקענען אויף דער זון — אַליין לעגט ער זיך אַוועק אונטער א בוים און וואַרט.

די זון באַקט. די וואַרימקייט — נאָכ'ן רעגען — איז א פרישע, א מחיה'דיגע. אין מיר איז ער, פיהלט ער אַליין נישט ווי די אויגען מאַכען זיך צו און ער שלאָפט איין.

שלאָפט ער אַזוי ביז ער דערפיהלט א שאַרפע קיהלקייט. כאַפּט ער זיך אויף — עס איז פינסטער אַרום. פון הימעל ווינקען צאַפּ שטערען. די ביימער שאָקלען זיך שטיל. די בלעטלעך פלאַטערן און דאָס ווינטעל קיהלט דאָס לייב. הויבט ער זיך אויף, נעהמט זוכען און — נישטאָ די מלבושים זיינע!

וואָס זשע טוט מען איצט?

זיצט ער און וואַרט ווי די מאַמע האָט איהם געהייסען... איז ער שטאַרק פערצער'ט, דאָס האַרץ איז איהם פערקלעמט, דאָס לייב איז איהם גערינצעלט און — ער האָט זיך שטיל צעוויינט.

ווי ער זיצט אַזוי און וויינט און מיט א מאָל: — ער דערהערט א געזאַנג, וואָס איז ענליך צו א געוויין, און א געוויין וואָס נעהט אויף ווי א געזאַנג, קיין מאָל האָט ער נאָך אַזא זינגען נישט געהערט...

זיצט ער און הערט זיך איין.

פלוצלונג — און דאָס געזאַנג ווערט נאָך פרעהליך. עס איז א קול פון אַנ'אשה. תאוה איז אין געזאַנג. אויסגעלאַסענקייט איז אין זינגען...

דערשרעקט ער זיך. פערשטאָפּט מיט די פינגער די אויערען און נעהמט חזר'ן א מאמר פון גמרא.

און עס בעווייזט זיך א יונגע אשה, א טאַנצענדיגע, א פרעהליכע קומט זי אַרויס פון צווישען די ביימער און — ווי אַנ'אמת'ע חצופה: די לאַנגע שוואַרצע האָר זענען איהר צולאָזט איבער די נאַקעטע אַקסלען. דער יצר הרע שרייט אַרויס פון איהרע גלידער, פון די זינדיגע אויגען און אָהן בושה רופט זי איהם צו זיך. איז ער שטאַרק דערציטערט געוואָרען, איז ער אויפגעשפּרונגען און איז אַרט און גענומען אַנטלויפען. זי אָבער — לויפט נאָך.

איז ער אַזוי געלאָפען ביז ער האָט אָנגעטראָפען א גרוב זומפּיג וואַסער. קלערט ער נישט קיין סך: גלייך אַריין אין דעם, זיך אַראָפּגעזעצט און זומפּ ביז'ן האַלז און צוגעמאַכט די אויגען.

און די חצופה שטעהט נעבען זומפּ און רעדט מיט תחנונים... זי האָט דאָ נישט ווייט א שעהנעם פּאַלאַץ... דאָרט האָט זי קליידער פאַר איהם... ער וועט זיך דאָרט קענען אויסרוהען... און נאָך גוטע ריד רעדט זי צו איהם. נאָר ער האָט שטאַרק פערשטעקט די אויערען, הערט ער נישט. און אַז זי טרעט אַליין נישט אָפּ, גיט ער א זעץ אַראָפּ דעם קאָפּ אין זומפּ אַריין און איז גרייט:

— תמות נפשי מות ישרים...

דאָ האָט זיך דערהערט א ווילדער קוויטש און דערנאָך איז איינגאַנצען שטיל געוואָרען.

האָט ר' אוטשע מאיר געלאָזען אַרויסגעהויבען דעם קאָפּ — קיינער איז נישטאָ... איז ער אַרויס פון זומפּ א פערפלאָנטערטער. זיך אַוועקגעזעצט אונטער א בוים און זיך אויסגעוויינט.

מיט אַמאָל — און עס בעווייזט זיך א זקן. פון גרויס שרעק און איבעראַשונג, האָט ער נישט געקענט קיין קול אַרויסברענגען: עס איז דער זעלבער וואָס אין חלום... דער זקן האָט נעבען איהם אַוועקגעלעגט טאַקע זיינע מלבושים, האָט נאָך נישט געזאָגט און איז נעלם געוואָרען...

— — — — —

ווען ר' אוטשע מאיר איז צו מאָרגענס אָנגעקומען קיין קאָצק, און איז אַריין אין אַלטען ז"ל'ס בית המדרש, האָט ער געטראָפען ווי חסידים זענען זעהר שטאַרק פערטהויערט, רעדען צווישען זיך און דער שטיל און זענען פערוואונדערט. האָט ער זיך צוגעהערט צו זייערע ריד און געהערט, אַז עפּעס א פלא קומט דאָ פאָר: שוין צוויי נעכט, אַז דער אַלטער ז"ל מאַכט קיין אויג נישט צו. זיצט ביים פענסטער און קוקט און ווייטקייט אַריין. און זיין פּנים ווערט אַלע וויילע פערענדערט: אָט בעדעקט זיך עס מיט עצבות און אָט — מיט שמחה... נעכטען אין מיטען דער נאַכט, איז ער גאָר אַוועק פון הויז, זיך ערגעץ פערזאַמט א פּאָר שעה און קיינער ווייסט נישט וואו ער איז געווען...

דערווייל — די טיר פון אַלטענ'ס ז"ל'ס חדר מיוחד האָט זיך גענעבען אַנ'עפען אויף. ער ז"ל האָט אַריבערגעטרעטען די שוועל: —

— ברוך הבא אוטשע מאיר!

ר' אוטשע מאיר האָט זיך איינגעקוקט אין אַלטען ז"ל'ס פּנים און איז געוואָרען בלאַס ווי קרייד: „זיין פּנים איז שטאַרק ענליך צום פּנים פון זקן"... ער האָט געהאַט געעפענט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס פרעגען נאָר דער אַלטער ז"ל האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— שאַ-אַ-אַ!

און האָט איהם שלום געגעבען.

חסידים זענען געשטאַנען אַרום. געקוקט מיט פערוואונדערונג. געזעהן ווי דאָס פּנים פון אַלטען ז"ל שיינט איצט פון שמחה און זיי האָבן אָנגעהויבען עפּעס פערשטעהען... זיי האָבן דערפיהלט, אַז די צוויי טעג האָט דער אַלטער ז"ל אויף איהם — אוטשע מאיר'ן געוואַרט.

———

און דאָס איז דאָך ידוע: דער אַלטער ז"ל און ר' אוטשע מאיר זענען שפּעטער געווען די זיילען, וואָס האָבן די וועלט אונטערגעהאַלטען...

אַזוי האָט ר' בערעל לייב די מעשה פערענדיגט.

———:0:———

א. סאַמבערג

(א פּאָרטרעט)

פון — העניך קאַן

א. סאַמבערג, איז ביים היינטיגען טאָג דער גרעסטער דראַמאַטישער שוישפּילער ביי יודען און פּוילען. נישט אומזיסט רופען איהם די אַקטיאָרען: „דער קרול". ער איז א געמיש פון קינדערישער נאַאיוויטעט און כמוכישער ברוטאַליטעט. א שטרענג געפורעמטער רוימישער צעזאַרען-קאָפּ. ער איז ווייט פון לירישער ווייכקייט. דאָס שטאַרק דראַמאַטישע איז זיין עלעמענט. די שטים — א טיף באַריטאָנאַלער טעמבער פון געוואַלטיגער מאָדולאַציע-פעהיגקייט יעדע פיגור, וואָס ער פערקערפּערט, קומט אַרויס בולט, ווי פון די אַלט-רוימישע סקולפּטורען. ער אונטערשיידט זיך פון אַנדערע אַקטיאָרען מיט דעם, וואָס ער האָט כמעט אין זיין גאַנצען רעפּערטואַר קיין שלעכטע ראָלע נישט. סאַמבערג וועט קיין מאָל נישט שפּילען א ראָל, וואָס איז נישט פאַר איהם.

דעם גרויסען שוישפּילער, דערקענט מען דאָס רוב שוין אין די טעאַטער-רעפּעטיציעס. און דעם פּרט איז סאַמבערג אַנ'אוניקום. פּראָבירט מען א שטיק, און ווילעבען ער שפּילט מיט, וועט איהר איהם שוין טרעפען א צוויי שעה פאַר דער פּראָבע, ווי ער לויפט נערוועז אַרום איבער'ן טעאַטער-הויף. כאַפּט א ציטונג — וואָס שפּילט מען אין טעאַטער?.. וואָס הערט מען מיט פּראָפ. פּיקאַרד?.. און בכלל מיט דער מאָדערנער לופט-פליהערייען...

ציהט אַלע מינוט אַרויס דעם זייגער און וואונדערט זיך, וואָס קיינער איז נאָך נישטאָ.

ציהט נערוועז די קלאַפּעס פון דער מאַרינאַרקע, כאַפּט זיך ביי די ברוסט-טאַשען און שפּאַנט ווידער איבער'ן הויף..

נאָך צוויי שעה וואַרטען, קומען זיך חברה אַקטיאָרען צוזאַמען — און עס הויבט זיך אָהן די פּראָבע. סאַמבערג לעבט אויף. ער רעדט נישט די פּראָזע, ער מורמעלט. אָפט האָט מען דעם איינדרוק, אז ער דאַווענט. עס קומט אין בעוועגונג זיין קינסטלערישע אינטואיציע, ער לויפט צו פּלוצלונג צום רעזשיסער: —

— „וואַרפט מיר אַרויס אָט אַ די פּראָזע.. זי שטערט מיר.

און אַזוי איז ביי יעדע פּראָבע, ער וואַרפט אַרויס, וואָס אַמאָל מעהר פּראָזע — ביז עס בלייבט א העלפט פון דער ראָל. און עס דערשיינט, א העררליך אויסקריסטאַליזירטע שפּראַך. און דוקא — דער פאָלקס-מענש, האָט א געוואַלטיגען זין פאַר פאָרם. א ראָל מאַכט ביי איהם אַדורך פערשיידענע פאַזען. און עס איז ממש א פערגעניגען צו זעהען, ווי אויף יעדער ווייטערדיגער פּראָבע, ווערט אַלץ די געשטאַלט רייפער און רייפער. ער האָט זיך נישט ליב אָפּצוגענאַרען. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דעם עולם קען מען נישט נאַרען...

זאָגט אייך אָבער סאַמבערג: „די ראָל איז פאַרטיג" — קענט איהר זיכער זיין, אַז דאָס איז אמת. אין טאָג-טעגליכען לעבען, דערמאָנט ער אַבסאָלוט נישט אין קיין אַקטיאָר. ער איז פּשוט, פאָלקסטימליך. ציהט זיך אָבער אויף דער פאָרהאַנג און ער דערשפּירט דאָס ראַמפּען-ליכט — דערשיינט פאַר אייך מיט אַמאָל דער גרויסער שוישפּילער. עס ענדערט זיך שטים און האַלטונג, זיין בלוט קאָכט אויף און עס הויבט זיך אָן זיין אמת'דיג אינערליך לעבען...

זיין גרויסע קינסטלערישע אינטואיציע גיט איהם צו די מעגליכקייט אַריינצוטראַכטען זיך אין אַלע עפּאָכען. אין אַלע טיפּען, וואָס ער שאַפט, זענען קרעאַציעס פון אַנ'אייראָפּעאישען פאָרמאַט. גיט ער א מאָליער'ישע געשטאַלט — „דער קאַרגער". אָדער „ראָבעספּיער", מענדעלע אין „קדוש השם", „שיילאָק", „ליר" אין „ביי נאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק", אָדער גאָר „רעוויזאָר" פון גאָגאָל, — זענען דאָס ערשטקלאַסיגע געשטאַלטען, מיט וועלכע ער קען זיך פערמעסטען מיט די בעסטע אייראָפּעאישע שוישפּילער.

און נישט בחנם זאָגט אַלעקסאַנדער גראַנאַך: א שאָד, וואָס דער סאַמבערג איז נישט אַרויף אויף דער דייטשער בוהנע".

און מיר ווילען דוקא, אַז ער זאָל יאָ זיין אויף דער יודישער ביהנע און נאָך שאַפען א סך שטאַרקע געשטאַלטען.

———:0:———

ווי זעהט איצט אויס דער האַנדעל מיט ווייסע שקלאַפען?

צי איז דער האַנדעל מיט לעבעדיגער סחורה אַנ'אויסגעטראַכטע מעשה? - די אָרגאַניזאַציע פון די שאַנד-הייזער. — דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסבייט פון זונות. — דער האַנדעל מיט ווייסע שקלאַפען פאַר דער מלחמה. - „גלענצענדע פּאָסטענס" אין אויסלאַנד. - שטילע חופּות. — יודען און דער פרויען-האַנדעל. - דער אינטערנאַצ. קאַמף מיט'ן האַנדעל פון לעבעדיגער סחורה

פון י. פּרושינאָווסקי

II.

פּערעל דערצעהלט, אַז ער אַליין איז געווען בעת א רייזע אַנ'עד ראיה, ווי מען האָט טראַנספּאָרטירט א צוועלף-יעהריג מיידעל און ער האָט גאָרנישט געקאָנט איינמען. ער האָט אַפילו אינטערוועניר'ט בײַם סאַמאַראַנער קאָנסול, אָבער יענער האָט נישט מעהר געטון, ווי געהויבען מיט די אַקסלען.

פערשטעהט זיך, אַז אַזעלכע מיידלעך זענען געווען נאָך אַהנונגסלאָזער, ווי אַזאַ אונטאַריגע ווי פּערעל, און אויף קיין שום הילף האָבען זיי נישט געקאָנט רעכענען. נאַכמעהר דערפאַר, וואָס זיי האָבען שרעקליך מורא געהאַט פאַר די דראָהונגען פון די בעגלייטענדע פרויען-הענדלער. — ערשט אין אויסלענדישען לופּאַנאַר האָט זיך אָנגעהויבען זייער גיהנ'ם טראַגעדיע. מען פלעגט זיי נעמען זייער קליידער, די הויכע לעהרע פון איבערגעלאַסענקייט און דאָס כגעלען איז באַרנעקוטען בײַם אַקאָמפּאַנימענט פון אַלקאָהאָל, נאַרקאָזען און שמוץ. געלערנט האָט מען זיי, ווי אַזוי זיי זאָלען דורך אַ צעם און בעוועגונג קונסטליך אַרויסרופען הנאה, און ווי אַזוי זיי זאָלען אויסרייצען די קליענטען דורך די פערשיעדענסטע עראָטישע פּראַקטיקען.

נישט א סך בעסער איז צוגעגאַנגען די, וואָס זענען פערפיהרט געוואָרען אין די אַמאָליגע האַרעמס פון די אָריענטאַלישע הערשער. איידער אַזאַ מיידעל איז צוגעלאָזט געוואָרען צום גרויסען מוטל, פלעגט מען זי לאַנג לערנען אַנ'איבערנאַטירליכע קונסט פון ליבע. די קונסט איז בעשטאַנען אין דעם, אַז זי זאָל געניטזט דעם הערשער פערשאַפען דעם גרעסטען גענוס בעת'ן פערקעהר, נאָר בעת מעשה מוז זי ליגען אומבעוועגליך ממש, א טויטע. זי טאָר נישט אַרויסווייזען דעם קלענסטען צייכען פון הנאה. דער אָריענטאַלישער הערשער איז א שמערצנער און זיין קלענסטע נישט-ציפרידענקייט פלעגט קאָסטען א טויטעט. די פרעמדע צושראָקענע מיידלעך האָבען דעריבער געמוזט אַדורכמאַכען א שווערע „שולע". און אין יענער פּע-

ערלויבער נאַכט, ווען אַזאַ פּנים הרשות איז אַריין צום סולטאַן און זיך נעבען איהם געלעגט, איז דער גאַנצער האַרעם געווען געשפּאַנט, קודם כל די „לעהרערקעס" פון דער ליבעס-קונסט, וואָס זייער לעבען איז אויך געווען אין סכנה.

בײַם בעקעמפען דעם האַנדעל מיט לעבעדיגער סחורה איז קודם כל ווייכטיג געווען צו דערגעהן די מיטלען, וועלכע ווערען אָנגעווענדט צו פאַנגען די מיידלעך. ס'רוב בענוצט מען זיך מיט'ן אויסרייד פון „גלענצענדע פּאָסטענס" אין אויסלאַנד. די פרויען-הענדלערין חיה פּינטשאַק פלעגט געבען אַנאָנסען, אַז מען זוכט שעהנע און יונגע מאָדיסטקעס און עקספּעדיענטקעס אויף אַפּרייזע און אַזוי אַרום פלעגט זי וואַגאָנענווייז אַרויסשיקען מיידלעך אין שאַנד-הייזער.

א צווייט מיטעל בעשטעהט אין זוכען טענצערקעס, זינגערינס און מוזיקערינס פאַר אַנ'אויסלענדישען אימפּרעסאַריאָ.

גאָר אָפט בענוצט מען זיך ביי יודען מיט א פלומרשטער התונה. קומט אַנ'אויסלענדישער בחור און שטעלט אַריין אין „פּערלובט" זיך מיט דער שענסטער יודישער מיידעל. אַזוי ווי ער איז זיך פערנומען אין אויסלאַנד, שרייבט מען גיך תנאים און מען יאָגט צו דעם זמן חתונה. אָפטמאָל מאַכט מען א שטילע חופּה, מען גיהט צו א ווינקעל מורה הוראה, וואו מען רופט צונויף א מנין, מען נעמט חופּה וקדושין און מען פּערבײַסט מיט לעקעך און בראָנפען. דערנאָך פאָהרט דאָס גליקליכע יונגע פּאָר'ל אָפּ קיין אויסלאַנד...

אַזוי פלעגט זיך נוהג זיין דער געפעהרליכער פרויען-הענדלער מיטראַ-ווימש אין משך פון גאַנצע פופצעהן יאָהר. נאָך דער „חתונה" פלעגט ער פאָהרען מיט דער פרוי צו דער שיף. גראָד פאַר דער סאַמע אָפּרייזע, פלעגט ער פלומרשט אומוויסענדיג אַוועקקומען, אַזוי, אַז זי איז שוין ווייטער געפאָהרען אַליין. אָבער שוין בײַם נאָהענטסטען פּאָרט האָט זי דערהאַלטען פון איהם א דעפּעשע, אַז ער קומט גלייך נאָך מיט דער נאָהענטסטער שיף. דאָס יונגע ווייב פלעגט דאַן א רוהיגע פאָהרען אין איהר נייע פאָטערלאַנד, וואו עס האָט זי אָפּגעוואַרט דער בעסטער פריינד פון איהר ליבען מאַן און ער האָט זי אַוועקגע-אָפּגעפיהרט אין שאַנד-הויז.

דער האַנדעל מיט לעבעדיגער סחורה עקזיסטירט, אַלזאָ, נאָך נישט אין אַזאַ ריזיגען מאַסשטאַב, ווי מען איז געוואוינט צו גלויבען. לעצטענס האָט ער זיך שטאַרק פערקלענערט. צו דער דאָזיגער פערקלענערונג האָבען א סך צוגעהאָלפען די יודישע געזעלשאַפטען, וואָס קעמפען מיט אָט דעם האַנדעל.

בכלל זענען יודען זעהר שטאַרק אַנגאַזשירט אין דאָזיגען אינטערנאַציאָנאַלען „מסחר". אַמייסטענס בעראַבּט מען יודישע מיידלעך, אַמייסטענס הענדלער זענען יודען, אָבער צמאָנטענגווייסטען קעמפען אויך מיט דער דאָזיגער פּרעגיות יודישע געזעלשאַפטען.

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף מיט'ן האַנדעל פון ווייסע שקלאַפען איז גוט אָרגאַניזירט און ווערט הײַנט אונטערשטיצט פון אַלע רעגירונגען. אין אַלע גרעסערע שטעט זענען פאַראַן ספּעציעלע אינסטיטוציעס, וואו ס'קאָן זיך ווענדען נאָך הילף יעדע צורייזענדע פרוי. אויף אַלע וואָקזאַלען און פּאָרטען הענגען ווייס-געלע פּלאַקאַטען אין עטליכע שפּראַכען, וועלכע גיבען אָן פאַר די צורייזענדע מיידלעך די אַדרעס פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע. אָבער די חברה פרויען-הענדלער און לופּאַנאַר-אייגענטימער ניצען אויס פאַר זיך אויך די פּלאַקאַטען. אַזוי האָט אין פראַנקרייך אַזאַ פּערשוין געשיקט אויסגעמעקט אויף אַזאַ פּלאַקאַט די אַדרעס פון דער פרויען-אינסטיטוציע און אָנגעשריבען די אַדרעס פון זיין „תענוג'ל".

—0§0—

פרויען

פון ב. קאָוונער

יעקב פון דער ביבעל האָט געדינט בײַ לבן'ען זיבען יאָהר פאַר א ווייב. איך וואָלט אַפילו נישט געוואָלט דינען קיין זיבען מינוט.

—

א פרוי וועט איידער קענען זאַך נישט פערשווייגען, סיידען זי ווערט געבוירען א שטומע...

—

ווען א מיידעל האָט חתונה, טראַכט זי בײַ זיך: מיר איז בעסער פאַר'ן מאַן: איך וועל קיינמאָל נישט דאַרפען נעמען א ווייב.

—

א פרוי הויבט אָן ווערען פאַלש צו איהר מאַן א יאָהר פאַר דער חתונה.

קיין פערהייראַטער מאַן האָט נישט אַזוי פיל געלד, וויפיל זיין ווייב קען צובּטר'ן.

—

ווען א פרוי לערנט זיך שוין אויס צו האַלטען א סוד, איז זי שוין אַזוי אַלט, אַז קיינער דערצעהלט איהר שוין מעהר קיין סודות נישט.

—

פרויען ווערען מיט יעדען טאָג עלטער און מיט יעדען יאָהר יונגער.

—

וועה איז צו דער ליבע, וואָס ענדיגט זיך מיט א חופּה!

—

וועה איז צו דעם מאַן, וואָס האָט א שעהנע פרוי און זי ווייסט דערפון

—

ווען א פרוי פעהלט אויס א תירוץ, נעמט זי זיך אַנ'עצה: זי פאַלט אין חלשות...

א טערקיש מעשה'לע

יודיש: פון ש. ראָש

סטאַמבול, די הויפּט-שטאָט פון טערקיי, איז בערירהמט מיט איהרע קאַפע-הייזער. אויב אומיצער וויל געפינען א בעקאַנטען, אָדער פריינד, איז נישטאָ קיין בעסער אָרט איהם צו זוכען, ווי אין א קאַפע-הויז. די סטאַמבולער קאַפע-הייזער האָבען זייערע שטענדיגע בעזוכער, וועלכע בעזוכען די פלעצער לויט זייערע קעשענעס. פאַרהאַן דאָרט קאַפע-הייזער פאַר די אָרימסטע פון די אָרימע און קאַפע-הייזער פאַר די רייכע, וואָס א טעפּעלע שוואַרצע קאַפע און א „נאַרגילאַ", אַזאַ ציבוק, אָדער ליולקע צום רויכערען, קאָסט מעהר ווי אַנ'אַרבייטער פערדינט אין א וואָך.

וואָס טוט מען אין די קאַפע-הייזער א חוץ טרינקען קאַפע און רויכערען די „נאַרגילאַ"? מען שמועסט. מען פיהרט לאַנגע געשפּרעכען און מען בערעדט די גאַנצע וועלט. מען הויבט געוועהנליך אָן מיט די לעצטע געשעהענישען, ביז מען קומט צו צו די געוועהנליכע אונטערנעמונגען און דעם האַרעם פון א בעקאַנטען, וועלכער איז בשעת מעשה נישט אַנוועזענד. ווען מען ווערט פערטיג מיט דעם סאָרט אונטערנעמונגען, נעמט מען זיך צו די מעשיות פון טויזענד און איין נאַכט. וואָס איין מעשה איז וואונדערליכער פון דער צווייטער. דאָס איז א קוואַל, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס. נישטאָ אויף דער וועלט קיין אַנדער פאָלק, וואָס זאָל זיך קאָנען פערגלייכען מיט די טערקען אין דעם פּרט; אויף דערצעהלען זיך מעשיות זענען זיי די גרעסטע בריות.

אין „קעמעל'ס האָרב", א קאַפע-הויז, וואו עס קומען זיך צונויף סוחרים פון מיטעלען שטאַנד, זענען די צוויי פריינד, מאַהמוד און מוסטאַפאַ, געווען שטענדיגע בעזוכער. מען האָט זיי גערופען „די צווילינג", צוליב דעם, וואָס זיי פלעגען איינער אָהן דעם צווייטען נישט געבען קיין טראָט. וואו מוסטאַפאַ האָט זיך געפינען, איז דאָרט אויך געווען מאַהמוד, און וואו נאָר מאַהמוד האָט זיך בעוויזען, איז מען שוין געווען זיכער, אַז מוסטאַפאַ וועט דאָרט באַלד אויך זיין. ס'איז געווען אוממעגליך ביידע פריינד צוצושיידען; איינער וואָלט פאַר'ן צווייטען געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער.

צו אַלץ נעהמט אָבער א סוף. און אַזוי האָט אויך געמוזט א סוף צו די פריינדשאַפט צווישען מוסטאַפאַ און מאַהמוד. זיי זענען זיך געוואָרען בלוטיגע שונאים צוליב א קליינינגקייט — צוליב א ווייב. מיר וועלען אייך איבערגעבען די פּאַסירונג אין קורצען:

ווי געזאָגט, פלעגען זיך מוסטאַפאַ און מאַהמוד צונויפטרעפען יעדען טאָג אין קאַפע-הויז „דעם קעמעל'ס האָרב". קומען פלעגען זיי אַהין יעדען פרימאָרגען פאַר'ן געהן צו זייערע געשעפטען. זיי האָבען שוין געהאַט זייער טישעל, וואו עס האָט שוין געוואַרט אויף די צוויי גוטע פריינד די בעשטעלטע קאַפע און די „נאַרגילאַ". דער ערשטער פלעגט געוועהנליך קומען אין קאַפע-הויז מוסטאַפאַ. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען יאָהרען און יאָהרען.

איין מאָל האָט זיך מאַהמוד'ן פערוואָלט קומען אין קאַפע-הויז פריהער פאַר מוסטאַפאַ'ן; צו זיין דאָרט דער ערשטער, אַזוי זיך, צוליב שפּאַס. איז ער דעם טאָג אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, זיך איינגעוואַשען, אָנגעטאָן, אָפּגעזאָגט די תפילות צו „אַללאַה" און געהייסען דעם ווייב, זי זאָל איהם געבען דעם פריהשטיק. ער איז אָנגעקומען אין „קעמעל'ס האָרב" זעהר פריה, אָבער צו זיין איבערראַשונג האָט ער שוין דאָרט געפינען מוסטאַפאַ'ן איבער דעם טעפּעלע שוואַרצע קאַפע, האַלטענדיג די „נאַרגילאַ" אין מויל.

אויף מאָרגען איז מאַהמוד אויפגעשטאַנען נאָך פריהער, אָבער עס האָט זיך איבערגע'חזר'ט די זעלבּיגע מעשה: מוסטאַפאַ איז שוין געווען אין קאַפע-הויז פאַר איהם.

מאַהמוד האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען און געפּרעגט ביי מוסטאַפאַ'ן, ער זאָל איהם זאָגען, ווי קומט עס, וואָס ער איז שטענדיג דער ערשטער אין קאַפע-הויז?

— האַ, האַ, האַ! — האָט זיך מוסטאַפאַ צולאַכט — ווען איך זאָל דיר פערטרויען דעם סוד, וואָלסטו אויך אַזוי געלאַכט, ווי איך: מיין קומען פריה האָב איך צו פערדאַנקען מיינע צוויי ווייבער. דאָס ערשטע ווייב וועקט מיך אויף א בליאַסק אויף טאָג, און די צווייטע העלפט מיר זיך שנעל אָנטון, איינוואַשען און נאָך אַזעלכע קלייניגקייטען. ביידע גרייטען מיר צו און דערלאַנגען אויף דער גיך דאָס פריהשטיק, און דערווייל רוכטען מיר אויס און ווענ[ד] אַריין צום „קעמעל'ס האָרב".

מאַהמוד האָט זיך צוגעהערט צום פריינד'ס רייד און געשוויגען. ער האָט אָבער בײַ זיך אָפּגעמאַכט, וואָס צו טון. מאַהמוד האָט געהאַט איין ווייב און די איז שוין אויך געווען א קאַפּעטשלע אַלט און א היבש ביסעל מיאוס. האָט ער בעשלאָסען צו נעמען א צווייט ווייב און אויף אַזאַ אופן קומען אין קאַפע-הויז פריהער פאַר מוסטאַפאַ'ן. מאַהמוד איז שוין געווען א טערק אין די מיטעלע יאָהרען און נישט קיין גאָר רייכער מאַן, דאָך האָט ער בעשלאָסען צו לאָזען זיך קאָסטען א פּאָר איבריגע גאָלדענע מטבעות צו קריגען א יונגע, שעהנע ווייב.

— — — — — — —

מאַהמוד'ן איז אָבער נישט בעשערט געווען צו האָבען פיל נחת פון זיין יונגען ווייבעל. באַלד, ווי זי האָט בעטרעטען זיין שוועל, האָט זיך פאַר איהם אָנגעהויבען א סדרה מיט צרות. ביידע ווייבער האָבען נישט געקאָנט שטימען איינע מיט די אַנדערע. מען האָט זיך גענומען אַרומקריגען און זייערע קללות האָבען זיך געטראָגען איבער'ן גאַס צווישען די שכנים. זיי האָבען זיך געריסען פאַר די האָר. בקיצור, ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דאָס הויז איז פאַר מאַהמוד'ן געוואָרען א גיהנום. איין ווייב האָט געטראָגען מסירות אויף דער צווייטער און די צווייטע האָט געהאַט טענות צו דער ערשטער. איהם איז ממש מיאוס געוואָרען דאָס לעבען. און דער סוף איז געווען, אַז איין פריהמאָרגען האָט מאַהמוד נישט אויסגעהאַלטען און איז אַנטלאָפען פון שטוב נישט קיין פערקעממטער, נישט קיין גע-געסענער. אַפילו די תפילות צו „אַללאַה" האָט ער נישט אָפּגעזאָגט, ווי געהעריג. ער איז אַוועקגעלאָפען, ווי אַנ'אונטערגעשאָסענער אין „קעמעל'ס האָרב".

יענעם פריהמאָרגען איז מאַהמוד אָנגעקומען אין קאַפע-הויז פריהער פאַר מוסטאַפאַ'ן. ווען דער לעצטער איז אַריין אין קאַפע-הויז און דאָרט געטראָפען מאַהמוד'ן זיצענדיג מיט אַנ'אָראָפּגעלאָזטענעם קאָפּ בײַם טישעל, האָט זיך אויף זיינע ליפּען צושפּילט א ביטערער שמייכעל.

— ווי איך זעה, מיין פריינד, בּיזטו היינט געקומען פריהער פאַר מיר? ווי קומט עס?

— דו ביטערער פוקס! דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי דאָס קומט! דאָס האָסטו מיך אויף א ביטערען אופן צוגערעדט, איך זאָל נעמען א צווייט ווייב. איך דאַנק דיר פאַר דעם פיינעם שפּיצעל, פריינד מיינער!

א וואָרט פאַר א וואָרט און ביידע פריינד האָבען זיך צוקריגט. זייט דאַן זענען זיי זיך געוואָרען דם-שונאים.

ראקעטען

א זאַמלונג קאַלאַמבורען

פון אַמיכ (לאָדז)

יעדע פרוי וועט האָבען וועגען אייך א גוטע מיינונג, ווען איהר וועט זאָגען א שלעכטע מיינונג וועגען איהר — חבר'טע..

—

דער נאַר רעדט צוערשט און שפּעטער טראַכט ער. דער חכם טראַכט פריהער און ערשט שפּעטער — רעדט ער...

—

א פרויען-האַרץ איז נישט שווער צו געווינען. ס'איז אָבער לייכט, נאָכ'ן געווינס, דאָס לעבען צו — פערשפּילען...

—

ס'איז שוין בעסער צו טראָגען אַלטע נאַטקעס, איידער נייע — תכריכים...

—

יעדער פרוי געפעלט דער מאַן, וואָס זאָגט איהר אָפטמאָל, אַז זי — געפעלט איהם...

—

ווען דער מאַן איז אין כעס אויף דער פרוי, שרייט ער אָן די קינדער. ווען די פרוי איז בייז אויף די קינדער, שרייט זי אויפ'ן — מאַן...

—

דאָס חתונה האָבען האָט פאָרט א גוטע זייט: מ'ווערט איינמאָל פאַר אַלעמאָל פטור פון'ם געדאַנק צו וועלען נאָך אַמאָל — חתונה האָבען..

—

יעדע פרוי האָט ליב עמיצען ליב צו האָבען, אָבער נאָך ליבער האָט זי, עמיצער זאָל זיין אין איהר — פערליבט...

—.0:—

דער מהרש"א — זיין לעבען און שאַפען

(צו זיין 300-סטען יאָהרצייט) פון מ. יאַשטשוויטשער

אין דער אָרטאָדאָקסיש-לומדישער וועלט, איבערהויפּט אין פּוילען ווערען געמאַכט גרויסע הכנות צו פּראַוועדיגען דעם אָנדענק פון דעם מהרש"א, וועלכער איז נפטר געוואָרען פּונקט מיט 300 יאָהר צוריק. די אָסטראָגער קהלה — וואו דער מהרש"א האָט געלעבט און געשאַפען און וואו ער האָט געפינען זיין אייביגע מנוחה — האָט איצט געבילדעט א ספּעציעלען קאָמיטעט, מיט דער אויפגאַבע אויפצושטעלען א גרויסען בנין פאַר אַוועגינגע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס. דער דאָזיגער בנין וועט טראָגען דעם נאָמען פון דעם גרויסען נפטר.

א תקופה פון 300 יאָהר. נישט ווייניג גייסטיגע ריזען האָט דאָס יודענטום אַרויסגעגעבען פון דעמאָלט ביז היינט. מיט נישט ווייניג פּירושים, ביאורים און פּסקים איז בערייכערט געוואָרען די רבנישע ליטעראַטור פון דעמאָלט ביז דעם אויצטיגען טאָג. דער מהרש"א איז אָבער פערבליבען נאָך ביז היינט דער ליבלינג פון דער לומדים-מאַסע. זעלטען האָט זיך א גאון אַזוי פערפעסטיגט אין זכרון פון לומדישע דורות — ווי דער מהרש"א.

ר' שמואל אליעזר בן יהודה הלוי אידלויש (מהרש"א) איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1555 אין אָסטראָג (וואָלינער גובערניע). זעהר פריה האָט ער בעקומען א פּירסום אַלס איינער פון די גרעסטע תלמודיסטען פון זיין צייט. דער שווער פון מהרש"א — ר' משה אשכנזי, א [illegible] ייד און א [illegible] לומד האָט געגרינדעט אין אָסטראָג א ישיבה, וואו דער ראש ישיבה איז געווען זיין איידעם דער מהרש"א. באַלד האָט די ישיבה בעקומען א וועלט-נאָמען. פון אַלע זייטען, פון פּוילען, ליטע און אַנדערע מדינות האָבען זיך גענומען צוטרעטען תלמידים צו דער ישיבה. כמעט אַלע תלמידים זענען געוואָרען [illegible] אויף די הוצאות פון דעם מהרש"א'ס פאַמיליע. דער עיקר פון דעם שווער פון [illegible] ר' משה אשכנזי. די נאָענט פון מהרש"א, זיין [illegible], זיין בזיונג-ערטיגע שיטת תלמוד, זיין [illegible] בריאות איז כל [illegible] התורה און בכלל זיינע הויבע [illegible] בעליה. דאָס [illegible] איהם געמאַכט [illegible] א פּירסום ווייט איבער די גרעניצען פון זיין געבורטס-שטאָט. זיין נאָמען איז גאָר פּאָפּולער געוואָרען אין די [illegible] קרייזען. אין יאָהר 1590 האָט דער מהרש"א גענומען אַנ'אָנטייל אין [illegible] גרויסער אסיפה פון „ועד ארבע ארצות" אין יאַראָסלאַוו. זיין אונטערשריפט איז אויף די אָנגענומענע פון דער אסיפה תקנות און רעזאָלוציעס קומט די צווייטע נאָך דער אונטערשריפט פון דעם דעמאָלטיגען לובלינער גדול מהר"ם מלובלין. דער הויפּט-תיקון, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער דעמאָלטיגער אסיפה, איז געווען דער איסור אָנצונעמען א ראַבינער-שטעל דורך אונטערקויפען די אָרטיגע מאַכט. אין יאָהר 1610 איז מהרש"א געווען רבי אין כעלם, וואו ער איז געווען רב ביז'ן יאָהר 1614. דעם יאָהר איז ער ווידער געוועהלט געוואָרען פאַר א ראש-ישיבה אין דער אָסטראָגער ראַבינער-שטהל.

די עפּאָכע פון מהרש"א פאַלט צונויף מיט דער צייט פון דער אויפבליהונג פון דער רבנישער ליטעראַטור. פילצאָהליגע ישיבות און אַקאַדעמיעס זענען דעמאָלט געגרינדעט געוואָרען: דעמאָלט איז אויך געווען די צייט, ווען עס האָט אויפגעבליהט דער מעטאָד פון פּלפּול. נאָר צוזאַמען מיט דעם האָט אויך אָנגעהויבען פאַלען דאָס לערנען דעם תלמיד אין די עצם מקורים פון דער רבנישער ליטעראַטור, וועלכע זענען כמעט ווי איגנאָרירט געוואָרען, אָדער זיי זענען געלערנט נישט מיט דער כוונה זיך צו פערטיפען אין זיי, נאָר כדי צו וויסען קלאָר די סוגיות און צו בויען אויף זיי דרייסטע צוזאַמענהאַנגען על דרך הפּלפּול. דער מהרש"א, אָנפירענדיג מיט דער ישיבה, האָט איינגעפירט הויפּטזעכליך דאָס לערנען דעם תלמוד, רש"י און תוספות, דערקלעהרענדיג די שוועריגסטע ערטער [illegible] און הקירה, נאָך דורך [illegible] דרינגענדען און דאָס געלערנטע.

און אָט מאַכט און דעם ליגט דער גרויסער גייסטיגער כח פון מהרש"א, וועלכער איז אַרויסגעהויבען געוואָרען פון זיין דור אויף דער העכסטער מדרגה. זיינע גענייאַלע חידושים פון תלמוד און זיינע נושאי-כלים, רש"י און תוספות, וואָס זענען געדרוקט צוזאַמען מיט'ן תלמוד אַלס אָרגאַנישער טייל פון איהם און זענען א קלאַסישער מאַטעריאַל צוזאַמען מיט'ן רא"ש, מהרש"ל און מהר"ם, זענען נישט רייך מיט קאָפּ-שווינדלערישע פּלפּולים — דער מעטאָד, וועלכער איז געווען אַזוי גאַנגבאַר אין יענע צייטען, — זיינע חידושים צייכענען זיך אויס מיט קורצקייט, קלאָרקייט און עשירות פון לאָגישע געדאַנקען. זיינע קשיות זענען נישט קיין געקונצעלטע, ווי ביי פיל אַנדערע, וועלכע האָבען געשאַפען די קשיות, דער עיקר, כדי אַרויסצוזאָגען דעם תירוץ... דעם מהרש"א'ס א קשיה איז טאַקע א קשיא, אייגענטליך פּרעסט, וואָס בעת איהר פערטיפט זיך אין איהר, האָט איהר דעם איינדרוק, ווי עפּעס א שווערער שטיין האָט זיך פון ערגעץ וואו אויף אייך אַוועקגעקייקעלט. ער לאָזט אייך נישט פון אָרט זיך רוהרען. די רוהיגקייט, וואָס האָט אייך אויף א ווייַלע בענומען, בעת איהר האָט געענדיגט דעם בלאַט גמרא, ווערט גיך פערשוואונדען. איהר דערהערט פּלוצים א רעש, א טומעל. ווידער האָבען אויפגעלעבט די אַלע פראַגען און שאלות-ותשובות פון תלמוד. אייך איז ענג געוואָרען די אייגענע סביבה [illegible] דערפאַר אָבער, בעת איהר קומט צו זיין תירוץ, בעקומט איהר ווידער א בעשטימטע רוהיגקייט. איהר דערפיהלט באַלד דעם חריפות'דיגען קנעטש און אייער האַרץ ווערט פול מיט א ווייכער וואַרימקייט.

דער מהרש"א האָט געוויזען א נייעם וועג, דעם נייעם וועג פון לאָגיק. אין לימוד פון הלכה האָט ער אַריינגעבראַכט אָרדנונג און סיסטעם. אין זיינע חידושים געפינט איהר נישט דעם אויסלאַנדישען פערדרייטען פּלפּול, די אַקראָבאַטישע שפּרונגען פון די שאַרפע מוחות פון א סך תלמידים און דער דעמאָלטיגער לומדים וועלט, וועלכע האָבען זיך [illegible] צוג אַריינבּרענגען א העלפאַנט אין א לאָך פון א נאָדעל, לויט'ן תלמודישען אויסדרוק.

די לומדישע וועלט, ווען זי האָט זיך בעקענט מיט די ערשטע חידושים פון מהרש"א, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען געדרוקט אַנאָנים אָהן דעם אונטערשריפט פון מחבר, האָט באַלד איינגעזעהן די גרויסע [illegible] פון זיינע חידושים און הערות, וועלכע זענען געוואוינען און געמאָסטען, טיף, אָריגינעל, לאָגיש, שאַרף, דורכגעדרונגען ביז'ן טיפּסטען אָפּגרונט פון די ענינים, וועלכע ער בעהאַנדעלט, און אין דער זעלבער צייט פערשטענדליך. אָפטמאָל זענען זיינע בעמערקונגען פול מיט וואונקען, רמזים, שאַרפע און ווייט-בעדייטענדיגע, וואָס דורך איין וואָרט, איין דיוק, פּרעציזקייט, צעשמעטערען זיי גאַנצע בערג מיט פּלפּולים און פערקרימטע סברות. אַפילו זיין שפּראַך, דער סטיל פון זיינע חידושים, איז די שפּראַך פון א נאַטירליכען בעטראַכטער, א פּשוט'ער לערנער, צוגעפּאַסט און פערשטענדליך אויף א כמעט מאַטעמאַטישען גענויעם אופן.

דער מהרש"א זאָגט אין זיין הקדמה צו זיינע חידושי הלכות, אַז ער איז נישט קיין ליבהאָבער פון אריכות. און עס איז טאַקע אַזוי. אין זיינע בעמערקונגען ענטפּלעקט זיך פאַר אייך דער גרויסער סוד פון צמצום. קיין איבעריגער וואָרט, קיין צעקייטע הסברות.

און אָט אַזוי פערענדיגט ער א טייל פון זיינע חידושים מיט „ודוק", ד. ה. זיי זיך מדייק. וועט איהר דערגעהן לערן, טו אַריין דעם גאַנצען שכל דיינעם, וועסטו געפינען. דוק ותמצא.

אויך זיינע חידושים אויף אגדה זענען רייך מיט לאָגישע סברות און שעהנע פאַנטאַזיעס. עס איז כדאי פאַר יעדען איינציגען פון די יעניגע, וואָס האָבען אַמאָל געלערנט אין די וואָס נעמען נאָך היינט א ספר אין האַנט אַריין, א קוק צו טון אין [illegible] זיינע [illegible] אויר, פּונקט ווי אין דער הלכה, ליגט פערבאָרגען א געהיימער כח. דער כח, וואָס ציהט צו זיך די נשמות, וואָס בלאָנקען אַרום אין א עולם התוהו און ווילען האָבען א תיקון דורך א נייעם וואָרט...

דער מהרש"א איז נישט געווען קיין מחבר און געוואונטשען זיין פון וואָרט, ער האָט נישט געוואָלט בעהערשען די לומדישע וועלט מיט זיינע הנחות און שיטות פון לומדים. ער פלעגט נאָר פערצייכענען אויף בעזונדערע העפטלעך אָדער אויף די גליונות פון דער גמרא און אַנדערע אַלטע ספרים, וועלכע ער האָט געלערנט, זיינע קורצע בעמערקונגען. דאָס האָט ער פערשריבען נאָר פאַר זיך אַליין און פאַר זיינע חברים און תלמידים. דאָס מיינט אַז, וואָס זיינע ערשטע חידושים אויף ש"ס זענען געדרוקט אַנאָנים, אָהן זיין אונטערשריפט. אין זיין הקדמה צו זיינע „חידושי הלכות" אויף ש"ס, זאָגט ער זיך אַרויס מיט זיין פּשוט'ער עניוות: „און זאָלען די לייענערס נישט מיינען, אַז איך האָב דאָס מחבר געווען פאַר מענשען, גרויסע חכמים און לומדים, וועלכע וועלען אודאי זאָגען, וואָס האָט ער דאָ אויפגעטון, עס איז דאָך אַזוי פּשוט, „זיל קרי בי רב הוא". דאַרפט איהר אָבער וויסען, אַז איך האָב דאָס געדרוקט נאָר לזכרון פאַר זיך און מיינע חברים און תלמידים פון דער ישיבה"...

אָבער די הייסע אויפנאַהמע, וואָס א גרויסער טייל פון דעמאָלדיגע לומדים האָבען אַרויסגעוויזען צו די חידושים פון מהרש"א, האָט אין איהם אויפגעוועקט א רצון אויך צו לאָזען דרוקען זיינע איבריגע כתבים, וועלכע זענען געדרוקט געוואָרען ערשט אין יאָהר 1611. דער ערשטער חלק פון זיינע חידושים אויף אגדה איז געדרוקט אין לובלין אין יאָהר 1627. דער צווייטער חלק — אין קראָקא — אין יאָהר 1631. און אין יאָהר 1602 איז אַרויס א נייע זאַמלונג „חידושי מהרש"א" אונטער'ן נאָמען „מהדורא בתרא".

בײַם פונאַנדערקלייבען זיך אין די פערשיידענע נוסחאות פון תלמוד איז דער מהרש"א זעהר פאָרזיכטיג. ער גיט תמיד אָפּ די בכורה די עלטערע נוסחאות און אין די ערטער, וואו די פריהערדיגע גאונים האָבען איינגעפונען פעהלערן אין תלמודישען טעקסט, האַלט זיך דער מהרש"א אָן דער אַלטער אָרטאָגראַפיע און איז נישט ציפרידען מיט די רעפאָרמעס: אין די הקדמה צו זיין „חידושי אגדות" זאָגט ער בזה הלשון: „ויש לי לגעור ולמחות בבעלי המדפיסים שלא ישגיחו בשום הגהה חדשה" — איך בין שטאַרק מתרעם אויף די דרוקער, דאָס זיי זאָלען נישט אין אַכט נעמען קיין שום נייע הגהה, ווי דער מנהג איז געווען דעמאָלט.

לויט זיין אייגענער בקשה זענען זיינע חידושים סיי אויף הלכה, סיי אויפ'ן חלק אגדה פון תלמוד נישט פונאַנדערגעטיילט געוואָרען אין בעזונדערע ספרים. נאָר זיי זענען צוזאַמען געדרוקט מיט'ן תלמוד. נאָר מיט דעם סימן, וואָס די חידושים אויף הלכה קומען מיט גרעסערע אותיות און אויף אגדה מיט קלענערע אותיות. ער אַליין גיט צו א טעם: ווייל דער תלמוד איז אויך נישט אָפּגעטיילט אין בעזונדערע ספרים, די טיילען פון הלכה און אגדה. און אַזוי זענען זיך די דרוקער נוהג ביז'ן היינטיגען טאָג.

דער מהרש"א האָט אויך געהאַט א טיפע ידיעה אין אַסטראָנאָמיע, פילאָזאָפיע און קבלה. הגם דווקא וועגען דער לעצטער, וועגען דעם לימוד הקבלה, זאָגט ער זיך אַרויס נעגאַטיוו, מען זאָל עס נישט לערנען אין א גרויסער מאָס, נאָר ביסלעכווייז און אָהן דעם התלהבות'דיגען טעמפּ, וואָס האָט זיך אין יענעם דור אַרויסגעוויזען, ביי א גרויסען טייל פון די בריטע לומדישע קרייזען...

דער מהרש"א האָט אויך געשפּילט א גרויסע ראָל אין דעמאָלדיגען געזעלשאַפטליכען לעבען. הגם ער אַליין איז בנאַטור געווען א בעהאַלטענער, א „נחבא אל הכלים". נאָר מחמת דער גרויסער ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער לומדישער וועלט, איז ער נישט ווילענדיג אַריינגעצויגען געוואָרען אין די ענינים פון פּאָליטיק סיי פון זיין קהלה מיט זיינע אונטערטעהנען פון טאָג-טעגליכען לעבען, און סיי פון אַנדערע קהילות.

פיל מאָל איז איהם אויסגעקומען צו מאַכען שלום צווישען פערשיעדענע קהילות, וואָס האָבען צווישען זיך געפיהרט א מחלוקה, אָפטמאָל אומבער נאָר נאַרישע און קליינליכע ענינים. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס לעבען פון גרויסען גאון איז אַרומגעוויקעלט מיט פיל געשיכטליכע עפּיזאָדען און פאַנטאַסטישע סיפורים.

—:0:—

חוזק
הומאר און סאטירע פון דער וואך
צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

א מאראטאריום
פון גראף קאלי

הובער שענק א מאראטאריום
גרינגער ווערען וועט דאס לעבען
הלואי וואלט אויך מיין ווייבעל
מיר א מאראטאריום געגעבן...

כ'האב א מאהל זיך איהר פערפליכטעט
– אנ'אידיאט געווען א פנים –
און עד היום די פראצענטען
מוז איך צאהלען במזומנים...

צוואנציג יאהר באלד ווי איך טראג שוין,
אט דעם שווערען יאך געבויגען,
אין וואס ווייטער ווערט די פעטליע
אויף מיין האלדז מעהר איינגעצויגען...

צוואנציג יאהר, – דעם שווערען וואגען
מוז איך שלעפען ווי א קליאטשע,
כ'מוז בעזארגען איהר מיט עסען
און מיט קליידער און מיט דאטשע

מיט רעצעפטען און דאקטוירים
און מיט קור און סאנאטאריום –
האב מיין ווייב אויף מיר רחמנות
שענק מיר אויך א מאראטאריום!..

פראטעסט געגען פרעזידענט הובער
(א בריף צום „חוזק")

מיר אונטערגעשריבענע טראגען ארוים אינזער שארפסטען פראטעסט נעגען דעם אמעריקאנער פרעזידענט הובער.

אין דעם מאראטאריום-פארשלאג פון פרעזידענט הובער זעהען מיר אנ'אטענטאט אויף אונזערע פרנסות. דער פראיעקט איז אויסן ארויסצורייסען דעם ביסען פון מויל, צוליב וואס מיר פראטעסטירען אמשארפסטען.

מיט כבוד
די קאמאנדיקעס, רעיענטען, אדוואקאטען, אויסקלייבער'ס און פשרה-מאכער'ס.

דער שטרויענער אלמן אין גלות

אויף צונגעל גאס געהט ארום ר' בעמיע
(זיין ווייב איז נאך אין פאדעמביע)
ער דרעהט זיך, ווי אויף א יאריד,
ער געהט, ער לויפט, ער זוכט, ער פליהט;
און יעדע כאשע, דוואשע, ריקעל,
בעקוקט ער מיט א הייסען בליקעל,
און פון יעדע פרויען-מאליע
צעגיסט זיך אין איהם א „הייז-כוואליע".
וואס איז די סבה?
זומער — די צייט פון ליבע!

וואס איז דאס לעבען?

דאס לעבען איז א חתונה,
די מענער — די מחותנים,
די ווייבער — די כלי זמר —
שפילען אויף צוליב מזומנים.

סאקראטעס.

דאטשע הכמות

ווי הייסט דער ערשטער שבת פון א שטרויענעם אלמן?
שבת נחמו.
און דער שבת, ווען דאס ווייב קומט צוריק פון דער דאטשע?
שבת חזון.

סאקראטעס.

א מאל האט מען געזאגט

אמאל האט מען געזאגט: אין זכר אין מאסקווא,
היינט זאגט מען: אין זכר אין פענסיאנאט.
אמאל: ווען דער קארן איז פערלארען, איז א הונגער געווארען.
היינט: ווי לאנג דער קארן אין ווישניאווא איז נישט געשניטען, איז דער פליורט אין מיטען.
אמאל: דער בר-מזל רייט אויפ'ן פערד, דער שלימזל ליגט אין דר'ערד.
היינט: דער מאן ארבייט ווי א פערד, דאס ווייב רייט אויפ'ן פערד.
אמאל: ביז מ'דערלעבט די נחמה, נעהט ארויס די נשמה.
היינט: ביז מ'זעהט א פריון און מזומן, קאן דער קאמארניק גיכער קומען.

סאקראטעס.

חוזק-פילאזאפיע

וואס איז אונטערשייד פון גראבסקי'ס עגלה ביז דער דאטשע-עגלה?

פון גראבסקי'ס עגלה זענען די ווייבער געווארען אלמנה'ס, און פון דער דאטשע עגלה ווערען די מענער אלמנ'ס (שטרויענע).

סאקראטעס.

—080—

דער „צאהן" געשווירט...

דייטשלאנד: מיסטער הובער, ראטעווע מיין „צאהן", ווארום איך קום אום.

—080—

אנ'אנצוהערעניש
אונטערגעהערט אין קינא

ער: זי הערען, פאנא נוטשא, די היינטיגע נאכט האט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז איך האב איהן געקושט.

זי: כ'זעה, אז אין שלאף האבען זי בעסערע איינפאלען ווי ווען זי זענען וואך.

ער פערשפארט חתונה צו האבען

מ'האט געפרעגט אנ'אלטען בחור, פארוואס ער האט נישט חתונה.

איך האב דריי חיה'לער, האט דער אלטער בחור געענטפערט, וועלכע פערטרעטען א ווייב: דער הונד בילט א גאנצען טאג, דער פאפוגאי שילט פון אין דער פריה ביז אויף דער נאכט און די קאץ לויפט ארום גאנצע נעכט.

היינטיגע קינדער

משה'לע (צו דער מוטער): פארוואס, מאמעשי, גיסטו הערשעלען אזא גרויס שטיק פיש, און מיר אזא פיצעלע?

מוטער: ווייל הערשעלע איז מיט דריי יאהר עלטער פון דיר.

משה'לע: הערסטו, מאמע דערפאר קומט דאך מיר א גרעסערע פארציע און נישט הערשעלען.

מוטער: פארוואס?

משה'לע: ווייל הערשעלע האט דריי יאהר געגעסען פיש, ווען איך בין נאך אויף דער וועלט נישט געווען.

לאדזער כראניק
פערצייכענט פון א פיפיגען צייטונג-רעפארטער ספ. פאר'ן „חוזק"

א מהומה אויף נאוואמיעסקא גאס

אויף נאוואמיעסקא גאס איז געווען א מהומה: יודען זענען געלאפען איבער דער גאס און געשריגען: וואו איז ער? וואו פאקט מען איהם?

די סבה דערפון איז געווען דאס, וואס פארמיטאג האט זיך אויף נאוואמיעסקא גאס בעוויזען א יוד מיט א פלושען קאפע-לושעל מיט נעקרויזעלטע פאה'לעך, האט מען געמיינט, אז דאס איז א נאלוציא-נער סוחר.

דערוויסענדיג זיך, אז דער יוד איז גאר א משולח פון א ישיבה, האט זיך די נאוואמיעסקא „אויספאקאיעט"...

גנבות

אין דער וואוינונג פון שמרויענעם אל-מן אוטשע בער קאוועבראדע איז אין מיטען נאכט אויסגעפיהרט געווארען א גנבה. די גנבים האבען צוגענומען א ברי-וועגשטעלער פון ליבעס-בריף, א באנבא-ניערע, א פאר דאמסקע זאקען-בענדלער און אנדערע „דראבנאסטקעס"...

שרפות

צוליב די היצען איז אין וושניאווא גורא אויסגעבראכען א שרפה. הונדער-טער ווייבער און מיידלעך זענען אפגע-ברענט געווארען. די לאגע פון די נשר-פים איז א שרעקליכע: זיי וואלגערן זיך גאנצע נעכט אין וואלד אונטערן פרייען הימעל אהן א דאך איבערן קאפ — הילף איז נויטיג.

פון דער פאגאטאוויע

נעכטען איז די פאגאטאוויע ארויסגע-רופען געווארען צו א יוד, וואס איז פלוצלינג אוועקגעפאלען אין חלשות. די סבה פון הלשות איז, וואס דאס ווייב איז אומסגעריכט געקומען פון דער דא-טשע.

—

אויף פיעטריקאווער גאס איז א סטרוזש בעפאלען א דאמע און זי מוי-רא'דיג צעשלאגען. דער סטרוזש האט זיך פערענטפערט, אז די דאמע געהט אריין אין זיין פרנסה — זי קעהרט אויס די גאס מיט איהר קלייד...

—

אין פאניאטאווסקי-פארק האט א יונג מערעל בעקומען הארץ-קלאפונג. דער דאקטאר פון דער פאגאטאוויע האט ביי איהר ענפונגען א ביכעל מיט פיטוגרילי'ם מעשה'לער.

פערבלאנדזשעט

א מערעלע פון 23 יאהר האט זיך פערבלאנדזשעט. אנשטאט צו נעהן א היים, איז זי זיך פערכראכען ערגיץ אנ-דערש.

סמנים:

זי איז פמעט אנגעטון. נעכטען איז זי געווען א שאטינקע. עס קאן אבער זיין, אז היינט איז זי שוין א בלאנדינ-קע, אדער גאר „מיעדזשאנע קאלור". זי איז נישט קיין געזונדע — זי האט א „שוואלקייט" — צו פערהייראטע מע-נער. ווער עס ווייסט וואו זי געפינט זיך, ווערט געבעטען רחמנות צו האבען אויף די עלטערן. און זי — בעהאלטען ביי זיך.

וויכטיג פאר ליעטניקעס

כדי צו פערלייכטערן דעם צופאהר צו די דאטשעס, האט די באהן-דירעקציע בעשלאסען, יעדען פרייטאג פארנאכט צו יעדען צוג צוצושטעלען עטליכע וואגא-נעס פאר בהמות.

א באנק-סענסאציע

אין א הונגער באנק האט מען די היינ-טיגע וואך דיסקאנטירט א וועקסעלע. אין די סוחר'ישע קרייזען האט די ידיעה געמאכט א גרויסען רושם.

משוגע געווארען

א הינגער בחור האט זיך פערליבט אין א מערעל, און האט מיט איהר חתונה געהאט אהן נדן. די עלטערן בעמיהען זיך איצט אין דער קהלה, איהם ארייני-צוגעבען אין משוגעים-הויז אויף וועסא-לא.

נערוועז-אנפאל

די דאמע פון נגנדעל פיטערקובעל האט בעקומען א נערוועז-אנפאל. די זאשטשיטעס האבען נישט געהאלפען. ווען דער מאן האט איהר געוויזען 5 מע-טער „זארושעט" איז זי געקומען צו זיך.

פערנאטירט און איבערגעגעבען
פאר'ן „חוזק"

האניג פויגעל.

א „ליבהאבער" פון יודי-שער קונסט און אזוי ווייטער..

ר' אברהמ'טשע און א סטראשנע ליב-האבער פון יודישע קונסט (לייען: יודי-שע קינסט-לערינס)

מיט עטליכע טעג צוריק איז די אוי-רומטשיכא—אומגעריכט געקומען פון דער דאטשע און געפאקט דעם מאן האל-טען א קינסטלערין אויף דער קניה.

אברהמ'טשעלע! האט דאס ווייב גע-מאכט א ויצעקו: די אלטער בעל עברה'-ניק, ווי נעמט מען עס א פרעמדע קונסט לערין אויף דער קניה?

שריי נישט מיין טייבעלע, האט אב-רהמ'טשע זיך פערענטפערט. די ווייסט דאך, אז איך האב א שוואכקייט „אונ-טערצוהאלטען" די יודישע קונסט!..

די אייער זענען קלוגער פון די היהנער
אונטערגעהערט אין א היגער גימנאזיע

דער לעהרער דערצעהלט די קינדער א מעשה:

ווען איך בין נאך א קליין יונגעל גע-ווען, דערצעהלט דער לעהרער, האט מיך מיין מוטער געשיקט רויבערן א פאפי-ראס, האט מיך די מאמע געווארנט: געדענק, אויב דו וועסט נישט אויפהע-רען צו רויכערן, וועט ביי דיר אויסטרי-קענען דער מארך, און דו וועסט ווערען א פולשטענדיגער אידיאט.

דערויף פרעגט א שילער:

מא פארוואס, פאניע פראפעסאזשע, האט איהר טאקע נישט אויפגעהערט רוי-כערן?..

א ריכטיגער רמז

מחותן: (פון חתנ'ס צד צום מחותן פון כלה'ס צד): אז כ'האב ביים בענטשען דעם חתן געלעגט די הענד אויף זיין קאפ איז עס א רמז, אז פון איצט אן, וועט ער האבען א פערדרייטען קאפ, אבער פארוואס האט איהר געלעגט די הענד אויפ'ן חתנ'ס אקסלען?

מחותן (פון כלה'ס צד): דאס איז אויך א רמז, אז ער האט מיר אראפגע-נומען א הויכער פון די פלייצעס.

סאקראטעס.

לעצטע לאדזער מארע

וואו געהט איהר עס מיט דעם גרא-בען שטעקען?

כ'געה איינמאהנען א פראטעסט.

—:0:—

יאקעוו פאוויש
צום פרעזידענט הובער

יאקעוו פאוויש איז די היינטיגע וואך גוט געשטימט. דערוויסענדיג זיך פון הו-בער'ס מאראטאריום-פלאן, האט ער זיך פונאנדערגעלאכט און ער האט אזוי גע-זאגט:

— פעטער סעם, פון ווען אן זענט עיר געווארען אזא שטארקער צער בעל-חיים'-ניק, האט? בלאפען קענט עיר יעקע'ן, מיר עס עיר נישט בלאפען. זאגיז דעם אמת: צ'מיינט יעקע'ס טובה, צי מיינט עיר ענ-קער אייגענע טובה? — פעטער סעם — מ'קען אייך!

—0—

דער כשוף-מאכער מיט שווארצע וואנסעלעך...
(פון דער סעריע: „בעגעג-נישען אין דער רעדאקציע")

פון
י. אבערזשאנעק

מ'קאן אריינגעהן?

אריין.

עס קומט אריין אין דער רעדאקציע א יוד מיט א גרויסע, שווארצע וואליזקע דעם האשעק פון הימעל פערדוקט אין א זייט, דער שניים פערבונדען מיט א טאשען-טיכעל. די זון ברענט און ער טראגט דריי יופיצעס איינע לעננער פון דער צווייטער. דער קאלנער פון העמד ברייט אויפגעשפילעט אזלא סלאוואצ-קי... סאפעט און דעכעט, דער שווייס רינט פון איהם, ווי ער וואלט נאר וואס ארוים פון א הייסער שוויץ-באד.

דא איז די צייטונג? פרעגט דער יוד, ארומקוקענדיג זיך אין אלע זייטען.

יא, ענטפערט מען איהם, דא איז די צייטונג.

דא בעשרייבט מען עס, די אלע היס-טאריעס, מעשיות און פערלויפענישען, וואס ס'פערלויפען זיך אויף דער וועלט?

יא, דא בעשרייבט מען טאקע די אלע היסטאריעס, ענטפערט מען איהם.

אויב אזוי, שטעלט דער יוד אוועק די וואליזע מיט'ן פערבונדענעם שנים, אויב אזוי האב איך צו אייך א גרויסע טענה. איך בין אומישנע געקומען אייך אויסזידלען. געבען אייך אין ט... ט... ארייו.

אויסזידלען? א טענה? פארוואס?

זאגט מיר, איך בעט אייך, נעמט דער יוד א דרייסטערן טאן, איהר בעשרייבט, וואס ס'טוט זיך הינטער די הרי חושך. אט האב איך אנומלטען געלייענט א בעשרייבונג פון מויל ווי עפעס איי-נער נאר א גרויסער מאן האט זיך אנ-געבלאזן און געפלויגען לעבעדיגערהייט צום רבונו של עולם...

אלץ ווייסט איהר, ווי אזוי עס לעבען זיך די רויטע יודעלעך, וואס עס טוט זיך דארט אויפ'ן נארד פאלוס, ווייסט איהר אויך. אויך ווייסט איהר שוין אפילו די סודות פון הימעל, נאר וואס עס טוט זיך אונטער דער נאז, ווייסט איהר נישט. וואס עס טוט זיך ביי אונז אין שטעטעל מיט'ן כישוף-מאכער מיט די שווארצע וואנסעלעך, פון דעם ווייסט איהר נישט.

א כשוף-מאכער מיט שווארצע וואנ-סעלעך? ווער איז ער דאס, דער כשוף-מאכער מיט די שווארצע וואנסעלעך ביי אייך אין שטעטעל? וועמען מיינט ער כשוף דער כשוף-מאכער מיט די שווא-רצע וואנסעלעך?

אויב אזוי, אויב איהר זענט טשקא-ווע, וועל איך אייך שוין דערצעהלען די גאנצע מעשה, און די מעשה דארפט איהר וויסען, כדי איהר זאלט עס קאנען בעשרייבען: זאל כאטש די וועלט וויסען, וואסערע קללה עס איז געקומען אויף אונזער שטעטעל.

ווי עס הייסט דאס שטעטעל? נישט וויכטיג, געניג, אז דאס שטעטעל ליגט צווישען פעטריקאוו און טשענסטאכאוו. א וואויל שטעטעל, א גוט שטעטעל, א פייער שטעטעל. מיט אנ'אייגענער שוהל, מיט אנ'אייגענעם רב, מיט אייגענע דא-זארעס, מיט אנ'אייגענע מקוה, מיט אייגענע נגידים. וואס בלאזען פון זיך ווי די אינדוקעס, מיט אייגענע קבצנים, וואס שטארבען דריי מאל אין טאג פון הונגער און מאכען א לעבען. יא, און דעם עיקר זעהט איהר, האב איך גאר פערגעסען — אנ'אייגענעם דאקטאר.

און פון דעם דאקטאר הייבט זיך טאקע אן די מעשה:

האבען מיר אין שטעטעל א דאק-טאר. איז ער גאר קיין דאקטאר נישט— א מלאך. דרייסיג יאהר געווען אין שטע-טעל און שא, שטיל. ווער האט גע-וואוסט פון חולאת'ן, פון קראנקהייטען? אלע זענען געווען געזונד ווי די זעלנער, און ער, דער דאקטאר האט געהאט א קרענק...

וואלט טאקע אלץ געווען גוט און פיין, ווען נישט דער נייער יונגער דאקטאר...

זייט מוחל, ריידען מיר איבער דעם יוד, איהר האט געוואלט דערצעהלען ווענען דעם כשוף-מאכער מיט די שווארצע-וואנסעלעך.

אט... אט... אט האלט איך טאקע ביי איהם. דער יונגער דאקטאר מיט די שווארצע וואנסעלעך. אי, הערט איהר, איז דאס א יונגאטש מיט א פאר פיס-קאטשעס, מיט א גלאטיגע טראמבע, מיט א פאר גרויסע שווארצע אויגען, וואס שיסען מיט פייער, מיט א שווארצע גזשיווע מיט א ווייסען שרונד, מיט שווארצע וואנסעלעך. אז, די וואנסע-לעך! ביי שמשון הגבור איז געלעגען די גבורה אין די האהר, און ביי אונזער יונגען דאקטאר, ליגט די גבורה — אין די וואנסעלעך... צוליב די וואנסעלעך איז אויסגעבראכען אנ'עפידעמיע, א מגפה אין אונזער שטעטעל.

אנ'עפידעמיע? א מגפה צוליב וואנ-סעלעך?

יא, יא, צוליב די וואנסעלעך. צוליב דעם יונגען דאקטאר'ס וואנסעלעך איז יעצט נישטא קיין איין געזונדע פרוי אינ'ם שטעטעל.

ווי נאר דער יונגער דאקטאר האט זיך בעזעצט, האבען מיט אמאל אלע ווייבער פונ'ם שטעטעל גענומען כרענ-קען. אנ'עפידעמיע, איהר הערט, אנ'עפי-דעמיע איז אויסגעבראכען. אלטע ווי-בער, יונגע ווייבלעך און מיידלעך. אלע האבען זיי זיך מיט אמאל גענומען „קו-רירען". יעדע פרוי „טשגיעט" זיך שלעכט. ביז איצט, אזוי לאנג, ווי עס איז געווען דער אלטער דאקטאר, זענען זיי געווען געזונד און שטארק, און איצט זאל נאט שומר ומציל זיין — א קללה, איהר הערט, א קללה. איינע האט פלוצ-לינג אנגעהויבען בעקומען „נאפאדען" אויף דער גאל. א צווייטע האט פלוצלינג גענומען „משערפיען" — אויפ'ן הארץ. א דריטע האט מיט אמאל בעקומען א „כראנישנע קאטאר אקשעלי".

טוט זיך עס ביי דעם יונגען דאקטאר — א יאהרמארק: אלטע ווייבער, יונגע ווייבלעך און מיידלעך. איינע אריין, א צווייטע ארויס. יעדע לאזט זיך „זבאדען" און „בעהארכען". איינע לאזט זיך „זבא-דען" די לונגען, א צווייטע לאזט זיך „אונטערזוכען" ס'הארץ. א דריטע וויל אנ'„אגולנע פשעשוויעטלעניע". אלע ווי-בער און מיידלעך „נאזשעקען" יעדע אויף עפיס אנדערש. אלע זענען חרוב קראנק. פון די רבי'צין ביז דער גבאי'טע. די נגידית'טעס לאזען זיך „זבאדען" צוויי דריי מאל אין דער וואך, און די קבצנ'טעס איינמאל אין חודש. די ווייבער מאכען „סאבאק" און טראגען עס אוועק דעם יונגען דאקטאר מיט די שווארצע וואנסעלעך. אלע זענען זיי מיט אמאל געפעהרליך קראנק געווארען.

וואס דארפט איהר מעהר: מיין אייגען ווייב. א יודענע א ריז. א זעלכע מע-נער ווי איהר, שלינגט זי איין א האלב מיין אויף א פריהשטיק. אז זי האט זיך געוואשען צו א פיר-פונטיג ברייטעל, האט זי איבערגעלאזט דאס פירמע-בלעטעל פון בעקער... דריי מענער האט זי „וואלטנארענטשנע" משלה געווען אויפ'ן עולם האמת, און איך בין ביי איהר דער פערטער. א יודינע א קאזאק. נו, מאהלט אייך, אז דער קאזאק האט, זייט ס'איז געקומען דער יונגער דאקטאר מיט די שווארצע וואנסעלעך, בעקומען א ראיז אויף די געהירען... ווער וואלט עס גע-גלויבט, אז דער קאזאק וועט זיך לאזען „זבאדען"?

און מיינע טעכטער? אלע זענען זיי, נישט פאר אייך געדאכט, „שמיערטעל-נע" קראנק. איינע איז פלוצלינג געווא-רען „אנעמיש" און שטעהט אונטער דעם יונגען דאקטאר'ס „אויפזיכט". די יונגערע האט נערווען, און געהט טאג-טעגליך צום יונגען דאקטאר, ער זאל זי „איספאקאיען" — א קללה, איהר הערט, א קללה איז געקומען אויף אונזערע ווי-בער און מיידלעך. א ביטערע עין-הרע. געווען געזונד און פריש. קיינמאל האבען אונזערע ווייבער נישט געוואוסט פון קיין לונגען, קיינמאל האבען זיי נישט געהאט קיין הערצער. ביים אלטען דאקטאר האט מיין ווייב, דער קאזאק, אהן עין-הרע, דריי מענער בעגראבען, און ווי נאר זי האט דערזעהען דעם יונגען דאקטאר מיט די שווארצע וואנסעלעך, האט זי בעקו-מען א „ראיז אויף די געהירען". ביים אלטען דאקטאר האבען זיך מיינע טעכ-טער געפיהלט מונטער, און איצט זענען זיי נעבוך געווארען „אנעמיש" און „נער-וואווע". און דער יונגער דאקטאר מוז זי „איספאקאיען".

אלץ ווייסט די צייטונג. פון הימעל-ריעס, מעשיות און פערלויפענישען, וואס עס טוט זיך הינטער די הרי חושך ווייסט זי, און פון דעם יונגען דאקטאר, דעם כשוף-מאכער, וואס צוליב זיינע שווא-רצע וואנסעלעך ליידט נעבוך א שטאט מיט ווייבער, פון דעם ווייסט זי נישט!..

איך דערצעהל אייך די מעשה, כדי איהר זאלט די געשיכטע בעשרייבען, און זאל דאס דינען פאר א מוסר השכל פאר אנדערע שטעטלעך. נישט אריינצולאזען יונגע דאקטוירים מיט שווארצע וואנסע-לעך.

—:0:—

לאָדז 26. יוני 1931
פרייטאָג, י"א תמוז תרצ"א
פ' חקת-בלק
זון אויפגאַנג: 3.17; זון אונטערגאַנג: 7.57
ליכט-צינדן: 7.42

טאָג-כראָניק

שול-פעריעז הויבען זיך אָן

(ד) פֿאַר די יודישע קינדער פֿון די „פּאָווּשעכנע" שולען ענדיגט זיך היינט פֿרייטאָג דאָס שול-יאָהר. פֿאַר די אויבערינע שילער הויבען זיך אָן די פֿעריען מאָרגען, שבת.

עלעקטרישע לאַמפּען אין צענטער שטאָט

(ד) האַלב אויגוסט וועלען שוין ברענגען עלעקטרישע לאָמפּען אויף קילינסקי-גאַס, טרעמבאַצקאַ, פּיראַמאָוויטש, סקווערע-ראָווא און אַנדערע גאַסען.

פֿון לאָדזער האַנדעלס-געריכט

רעגולאַציע און „נאַדזאָר"

(5) עס איז בעשטעטיגט געוואָרען דער רעגולאַציע-אָפּמאַך פֿון אריה וואָלמאַן, הויז-סוחר פֿון קאָנפעקציע אויף גאָוואָמיעסקאַ 22. ווי מיר ווייסען, האָט וואָלמאַן אין מערץ פ. י. זיך בעמיהט ווענען א „נאַדזאָר", דאָס לאָדזער גערוכט האָט די בוטע אָפּגעוואָרפען, ערשט דאָס אַפּעלאַציע-געריכט האָט איהם אָנערקענט דעם „נאַדזאָר", נאָך וואָס ער האָט בעקומען אַנ'ערלויבניש צו שליסען א רעגולאַציע אויף 70 פּראָצענט. פֿון 24 קרעדיטאָרען אויף 101,320 זל. בעל-חובות האָבען געשטימט פֿאַר דער רעגולאַציע 26 אויף 87,427 זל.

* * *

דאָס האַנדעלס-געריכט האָט בעטראַכט די בוטע פֿון דער פֿירמע „טעקסטיל-אינדוסטריע, געזעלשאַפֿט פֿאַר האַנדעל און אינדוסטריע, געזעלשאַפֿט מיט בעגרענעצטע אחריות" (אַלעע 1. מאַי 9), וועלכע האָט געבעטען א „נאַדזאָר". דער דאָזיגער ענין שטעהט אין ענגען צוזאַמענהאַנג מיט'ן פּראָצעס פֿון דער פּוילישער גומי-אינדוסטריע „פּעפּעגע" אין גרודזשאָנדז, מחמת די גאַנצע פּראָדוקציע פֿון דער לאָדזער פֿירמע איז געגאַנגען פֿאַר „פּעפּעגע" און די לעצטע האָט גערעקט איהרע פֿערפּליכטונגען פֿאַר דער לאָדזער פֿירמע מיט איינגעגעבענע אַקצעפּטען און קונדישע וועקסלען, אויף אַזאַ אופֿן האָט די אַבליגאַ פֿון דער פֿירמע „טעקסטיל-אינדוסטריע", וועלכע האָט זשורירט די וועקסלען פֿון „פּעפּעגע" בעטראָפֿען 440.000 זל. „פּעפּעגע" איז, ווי בעוואוסט, שטאַרק געקוועלט געוואָרען, צוליב וואָס זי האָט זיך געווענדעט ווענען א „נאַדזאָר" צום גרודזשאָנדזער געריכט.

דער בילאַנס פֿון דער „טעקסטיל-אינדוסטריע" אין לאָדז בעטרעפֿט 208,114 זל. דערביי טרעפֿען אַז די פּליסיגע און האַלב-פּליסיגע אַקטיוון 82,114 זל. און די פֿערפּליכטונגען 71,456 זל. די אַבליגאַ פֿון דער פֿירמע האָט אויף די אַקצעפּטען פֿון „פּעפּעגע" אין משך פֿון חודש מאַי זיך פֿערקלענערט אויף העכער 100.000 זל.

דאָס געריכט האָט דעם ענין אָפּגעלעגט, אין משך פֿון 3 וואָכען מוז די פֿירמע צושטעלען בעווייזען פֿון „פּעפּעגע" אויף וואָס פֿאַרא בעדינגונגען „פּעפּעגע" האָט טיילווייז בעפֿרייט די לאָדזער טעקסטיל-פֿירמע פֿון זשיראַ-אַבליגאַ און פֿאַרוואָס די פֿירמע „פּעפּעגע" האָט געגעבען דער לאָדזער פֿירמע קונדישע וועקסלען מיט אַן אייגענער זשירא אויף 55000 זל. מיט א טאָפּעלטער פֿערפּליכטונג.

CASINO

היינט גרויסע פּרעמיערע!
עס דעביוטירט די בע'חנ'טע
Lois Moran
אין דער ראָל פֿון פֿריילין געוועלבערין, ווי אויך דער ענגלישער
Walter Byron
וואָס ענטפּלעקט זיינע איבערלעבענישען, פֿרייד און יסורים אין מעכטיגען זיטען-פֿילם פֿון פאָקס א. נ.:
די חופּה-נאַכט
אויסערן-פּראָגראַם: פאָקס וואָכען-זשורנאַל און לאַנד-אַקטואַליטעטען.
אָנהויב 6 אַ זייגער, אויפ'ן ערשטען סעאַנס פֿון 6–8 זענען די פּרייזען פֿערקלענערט. שבת, 4 אַ זייגער נ. מ. זונטאָג 12 אַ זייגער. פּרייזען אויף די פֿריהמאָרגענס 75 גר. און 1 זל.

וואָס הערט זיך אין „ראַפּאַלובקע"?

פֿון נייעם קור-אָרט „ראַפּאַלובקא", וואָס געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון לאָדז און וואָס ווערט בעריהמטער פֿון טאָג צו טאָג, טיילט מען מיט, אַז דער בוי פֿון סאַנאַטאָריום פֿון בעקאַנטען דאָקטאָר-נאַטורוויסענשאַפֿטלער אָסקאַר וואָינאָווסקי, האָט זיך שוין אָנגעהויבען. מען פֿיהרט שוין צו די ציגעל פֿאַר'ן קומענדיגען סאַנאַטאָריום די אַרכיטעקטאָנישע פּלענער זענען שוין פֿאַר טיג. אין שייכות מיט'ן בוי פֿון סאַנאַטאָריום פֿאַר נאַטור-הייל-קראַפֿט האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע בוי-בעוועגונג פֿון ווילעס אין ראַפּאַלובקא".

טעאַטער און קונסט

היינט צווייטע פּרעמיערע פֿון דער „ווילנער טרופּע"

היינט, פֿרייטאָג, טרעטען אויף די „ווילנער" מיט זייער צווייטער פּרעמיערע מיט דוד בערגעלסאָנ'ס „ברוים-מיהל". די „ברוים-מיהל" איז דורך דוד בערגעלסאָן געבויט פֿון זיין נאָוועלע „דער טויבער". די פּיעסע איז ביי איהם געבויט אין צוויי פּלאַנען — אויבען און אונטען. אין איינעם א וואַריאַנט האָט טאַסקע בערגעלסאָן אָנגערופֿען די פּיעסע „אויבען און אונטען" און דעם לעצטען פֿערעפֿענטליכטען וואַריאַנט איז ביי איהם די „ברוים-מיהל" אויפ'ן ערשטען פּלאַץ און אַזוי ווערט זי ביי די „ווילנער" אינסצענירט און אָנגערופֿען.

די רעזשי פֿון „ברוים-מיהל" ליגט אין די הענט פֿון יעקב ראָטבוים, די אָריגינעל-קאָנסטרוקטיווע דעקאָראַציע — פּראָיעקטירט פֿון פּוילישען קינסטלער אַנדזשיי פּראָנאַשקאָ.

די הויפּט-ראָלען ווערען אויסגעפֿיהרט דורך מרים אָרלעסקאַ, יעקב וואַיסלויז, שמואל לאַנדוי, שמחה נאַטאַן און דער גאַנצער ווילנער טרופּע.

פֿון דוד הערמאַן-טעאַטער

היינט אָוועגד צום לעצטען מאָל פֿאַרן אָפּפֿאָהרען אויף דער פּראָווינץ ווערט געשפּילט די שטאַרק אויסגענומענע קאָמעדיע „מאַן, ווייב און רעוואָלוציע" פֿון וו. קאַטאַיעוו.

מאָרגען שבת 9.30 אָוועגד די לעצטע פּרעמיערע „ווען בלוט רעדט!.." (ראַסע), דראַמע אין 3 אַקטען פֿון יאַן פֿאַבריציוס. די דראַמע, וועלכע שילדערט דעם ראַסען אַנטאַגאָניזם, ווערט קינסטלעריש אויסגעפֿיהרט דורך דעם גאַנצען אַנסאַמבל מיט דעם פּרעמיער יוסף קאַמינען בראש און דוד הערמאַנ'ס מייסטערהאַפֿטע אינסצענירונג. שבת 12 פֿאַרמיטאָג „דער טויבער" (ברוים-מיהל) פֿון דוד בערגעלסאָן. שבת 4.30 נאָכמיטאָג „דער נסיון".

אַלגעמיינע „מאָביליזאַציע" פֿון יודישע אַרטיסטען אין „פֿילהאַרמאָניע"

מאָרגען, שבת אָוועגד, ווערט געגעבען אין פֿילהאַרמאָניע אַנ'אינטערעסאַנטע פֿאָרשטעלונג פֿון אַלע לאָדזער אַרטיסטען ווי אויך די פּרעמיערען פֿון די „ווילנער" און פֿון דוד הערמאַן טעאַטער. ס'ווערט געשפּילט די אויסגעצייכנטע פּיעסע „גאַסען-קינדער". נאָך דער פֿאָרשטעלונג ווערט געגעבען א „מלוה-מלכּה", אין וועלכער ס'בעטייליגען זיך א חוץ די אַרטיסטען פֿון די היגע טעאַטערן, אויך די אַמעריקאַנער געסט הערמאַן שעראַצקי און דער אַמעריקאַנער פֿילם-אַרטיסט און בעליבטער זינגער פּנחס לעוואַנדע. די „מליה מלכּה" וועט דויערן ביז אונז ביינאַכט. די פֿאָרשטעלונג פֿערשפּרעכט צו זיין אינטערעסאַנט, און דאָס פּובליקום וועט זיכער מאָרגען אָוועקאַנד איבערפֿילען דעם פֿילהאַרמאָניע-זאַל.

דער גאָלדענער שנעון

אין סימפּאַטישען טעאַטערל „ראָקסי" (אַנדזשעיאַ 18) ווערט געגעבען די באַמבאַסטישע רעוויו אונטער'ן נאָמען „דער גאָלדענער שנעון". טאָג-טעגליך איז דער דאָזיגער טעאַטער-זאַל געפּאַקט פֿון פּובליקום. דאָס פּראָגראַם געהט נאָך עטליכע טעג. אין די נאָהענטסטע טעג קומט א נייע פּרעמיערע.

די סיבות פֿון די אַנטי-סעמיטישע געשעהענישען אין מעקסיקאַ

(ענדע–זייט 5)

פּרעזידענט פֿון מעקסיקאַ, האָט ער שוין אָנגענומען פֿערשידענע מיטלען צו פֿער-ראַזירען זיינע יודישע קאָנקורענטען, און אַזוי, אַרייננעקומענדיג אין זיינע הענד די מאַכט, האָט ער זיין צאָרן אויס-געלאָזען צו יודישע קעפּ און אַלגעמיין. אין מעקסיקאַ מיינט איז דער אַמט פֿון שטאַט-פּרעזידענט זעהר ווייכטיג און פֿאַר בינדען מיט א סך מאַכט. ווען דער שטאַט-פּרעזידענט פֿון מעקסיקאַ סיטי, לאַמבערטאַ הערנאַנדעז, האָט אַרויסגעגעבען זיין בעפֿעהל צו דער פּאָליציי אַראָפּצוטרייבען די יודען פֿון די מערק, האָט דער פּרעזידענט פֿון דער מעקסיקאַ-נישער רעפּובליק אָרטיז רוביאָ, דערפֿון געוואוסט.

עס דאַרף נאָך פֿערצייכענט ווערען די האַלטונג פֿון דער מעקסיקאַנישער פּרעסע און די טעג פֿון דער העצע. וועגען דער שטעלונג פֿון אַ גאַנצער ריזע ניפּס-בלעטלעך, וואָס זענען ספּעציעל אַרויס-געגעבען געוואָרען פֿון די העצער, און גענוג צו זאָגען, אַז געגען זייער אינהאַלט מעגען זיך אין זייערע קברים שעהמען כרושעוואַן מיט פּורישקעוויטש'ן אינאיי-נעם. צום כּבוד פֿון מעקסיקאַנישען זשורנאַליסטען-פֿעראיין דאַרף געזאָגט ווערען, אַז ער האָט קיין האַנד צו דער העצע נישט צוגעלייגט, כאָטש זיינע מיט-גלידער האָבען געהאַט א פֿרייע האַנד. אינטערעסאַנט איז דאַנגעגען די שטעלונג פֿון די צוויי גרויסע צייטונגען „אוני-ווערסאַל" און „עקסצעלסיאָר". ביידע צייטונגען קריגען רעגירונגס-סובסידיעס אין פֿאָרם פֿון אַנאָנסען און מוזען זיך דעריבער שטאַרק רעכענען מיט די ווינ-טשען, וואָס בלאָזען אין די רעגירונגס-קריי-זען. האָט „עקסצעלסיאָר", וואָס פֿרע-מענדירט אונטער זיינע איצטיגע נייע בעלי-הבּתים צו זיין א ליבעראַלע צייטונג, געדרוקט צוויי אַרטיקלען געגען יודען און איינעם פֿאַר יודען, דערפֿאַר וואָס „זיי האָבען דער וועלט געגעבען די ביי-בעל". די צייטונג „על אוניווערסאַל" האָט זיך אַזוי פֿיל פֿרייהייט נישט גע-קאָנט ערלויבען. די צייטונג איז געשטאַ-נען פֿאַר אַנ'ערנסטען קריזיס און זי האָט זיך דעריבער געוואָלט איינקויפֿען אין לאַסקע און האָט די יודישע „קאַנ-זוקטור" צובלאָזען, ווי עס האָבען זיך בעסער נישט געקאָנט ווינשען די פֿער-אינטערעסירטע קרייזען.

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער הויפּטשטאָט. אויף דער פּראָווינץ איז די לאַגע געווען אַ ערגער, אַ בעסער. ער-גער, ווייל דאָרט פֿערשווינדט אַפֿילו דער שאָטען פֿון געזעצליכקייט אין עס הערשט אונבעגרענעצט דער קאַפּריז פֿון דעם גו-בערנאַטאָר אָדער אַנ'אַנדער פּראָווינציע-לען דיקטאַטאָרל; בעסער, ווייל אויף דער פּראָווינץ לעבען דאָרט די יודען פֿער-איינצעלט און דאָס מאַכט דעם יודישען קליינהענדלער לייכטער דעם קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ. (יטא)

אומזאַץ-שטייער

(ד) דעם 15 ד. ח. האָט זיך געענדיגט דער טערמין פֿון איינצאָהלען דעם אומ-זאַץ-שטייער פֿאַר מאַי ד. י. פֿון די האַנ-דעלס-אונטערנעמונגען 1 און 2. קאַטע-גאָריע און אינדוסטריע-אונטערנעמונ-גען ביז דער 5. קאַטעגאָריע. וועלכע פֿיהרען ריכטיגע האַנדעלס-ביכער. ביז 29 ד. ח. קאָנען די דאָזיגע שטייער-צאָה-לער נאָך איינצאָהלען דעם שטייער אָהן שטראָף און אָהן פּראָצענטער.

צוזאַמענשטויס פֿון אַ אויטאָ מיט אַ וואַגען

אויף גאָוואָמיעסקאַ גאַס איז אַ טעק-סי צוריקגעפֿאָהרען אויף א וואַגען, וואָס איז אָנגעפֿירט געוואָרען דורך דעם 19 יעהריגען היים אָרדינאַנס פֿון מרדכי גבאי'ס גאַס 15. דער וואַגען איז צושמע-טערט געוואָרען און דער בעל-עגלה האָט בעקומען שווערע וואונדען.

נאַכט-דיזשורען אין די אַפּטייקען

היינט דיזשורירען פֿאָלגענדע אַפּטיי-קען: י. קאָפּראָווסקי (נאָוואָמיעיסקאַ 15), ס. טראַקאָווסקאַ (בזשעזשינער 56), י. ראָזענבלום (צעגעלניאַנאַ 12), מ. באַרטאָשעווסקי (פּעטריקאָווער 95), קלופּש, (קאָנטנאַ 54), ל. משינסקי (זשגאָזסקאַ 59).

לאַנג-געזוכטער באַנדיט הוליעט אַרום פֿריי און ערמאָרדעט אַ מענטש

(§) מיט א פּאָר טעג צוריק איז אויס-געפֿיהרט געוואָרען א באַנדיטען-אָנפֿאַל אויף דער קאַסע פֿון קינאָ-טעאַטער „אָאַזאַ" אין ראַדאָגאָשטש, אויף בראָני-גאַס 10.

די אויספֿאָרשונג האָט בעוויזען גע-וואויר צו ווערען דעם נאָמען פֿון אָנ-פֿאַלער, א בעקאַנטער מעסער-שטעכער וולאַדיסלאַוו גלאָוואַטש, אויף וועמענס שפּורען עס איז געווען שווער צו קומען. נעכטען איז דער פֿערשוין צופֿעליג געפֿונען געוואָרען, אָבער כאַפּען איהם איז געווען שווער. אויף שאַפּען-גאַס 4 איז אין א „הייזעל" פֿאָרגעקומען א הי-ליאַנקע, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט די העלדען פֿון דער אונטער-וועלט. ווען דער עולם איז שוין געווען בעזאָפֿען, האָט די „מוהמע" פֿון הייזעל קאָוואַלסקאַ געלאָזט פֿאַלען א וואָרט פֿאַר איינעם פֿון די געסט, גלאָוואַטש, פֿון אויהר מאַן האָט אויף זיך א חטא, פֿאַר וואָס עס דראָהט איהם שווערע תּפיסה. די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען גע-נוג הויך און קאָוואַלסקאַ'ס מאַן האָט עס געהערט.

אויף דעם באָדען איז צווישען מאַן און ווייב געקומען צו א קרוגערי, בעת וועל-כען דאָס ווייב האָט בעקומען שווערע קלעפּ איבער'ן קאָפּ.

גלאָוואַטש האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דער פֿרוי, ער האָט מיט א מעסער גע-מאַכט א טיפֿען וואונד קאָוואַלסקי'ן אין ברוסט אַריין. ער איז אַנ'אָפּגענאַסענער מיט בלוט צונידערגעפֿאַלען און באַגאַ-מאָוויטש האָט איהם אָפּגעפֿיהרט אין שפּי-טאָל איז א האָפֿנונגסלאָזען מעמד.

די נעכטען זענען אין גרויסער פּאַניק געלם געוואָרען. אַז פּאָליציי איז אָנגע-קומען האָט זי, פֿעסטגעשטעלט, אַז קאָ-וואַלסקי'ס מערדער איז דער רויבער גלאָ-וואַטש. נאָך איהם זענען צושיקט געוואָ-רען שטעק-בריוו.

40 מיליאָן זל. חובות

איז שולדיג דער לאָדזער מאַגיסטראַט

לויט א רעפּעראַט פֿון וויצע-פּרעזעס ראַפּאַלסקי שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס פֿערמעגען פֿון לאָדזער זעלבסטפֿערוואַל-טונג בעטרעפֿט לערך 100 מיליאָן זל., דערביי האָט די שטאָט אין אַלגעמיין חובות אויף 40 מיליאָן זל. בלויז די צינזען פֿאַר די חובות, וואָס דער לאָדזער מאַגיסטראַט מוז צאָהלען יעדעס יאָהר, בעטרעפֿען 5 מיליאָן זל.

היציגע פֿרוי שלאָגט א יונגענמאַן אין טראַמוויי

(§) מאַריא קאַפּאַק איז געזעסען אין טראַמוואַי אין געשמועסט. ווען דער טראַמוואַי 11 איז דורכגעפֿאָהרען די לע-אָנאַרד-גאַס איז זיך צוטריסעל געשטאַן, איז דער קעגען-איבער זיצענדיגער פּאַ-סאַזשיר אַרויפֿגעפֿאַלען אויף פֿריילין קאַפּאַק. די לעצטע האָט איהם דאָן שטאַרק געזידעלט און דערלאַנגט אַזעל-כע פּלאַטונגע פּעטש, אַז דער אונשולדי-גער בחור איז נעבעך אַראָפּגעפֿאַלען אויף דער פֿערלאַנגע פֿון טראַמוואַי. צווי-שען די פּאַסאַזשירען האָט דער פֿאַל אַרויסגערופֿען א צעוורעדערונג, ווייל דער געשלאַגענער האָט פֿערלוירען דאָס בעוואוסטזיין. דער טראַמוואַי איז אָפּגע-שטעלט געוואָרען, דעם יונגערמאַן האָט מען אַריינגעפֿיהרט צו א דאָקטאָר, דער געשלאַגענער איז געווען דער 26-יעהרי-גער סמעלאַן שטשור. פּאָליציי האָט צו-זאַמענגעשטעלט א פּראָטאָקאָל.

היינט בייסען קינדער

(ד) דעם 11-יעהריגען הערש ליבטמענ-שטיין האָט א הונט צובּיסען אויף ראַ-קאָטשינער גאַס.

נעכטען זענען צובּיסען געוואָרען דורך הינט נאָך 2 קינדער.

א קליינע שׂרפה און א גרויסע שרעק

(ד) צוליב א דעפֿעקט אין קוימען איז אויסגעבראָכען אַנ'אונבעדייטענדע שׂרפה אויף וואָלבאָרסקאַ 10. דער איינוואוי-נער פֿון נ. 1. שמאַק, יצחק'ל בולמאַרטען האָט זיך צוליב דער שׂרפה אַזוי דער-שראָקען, אַז ער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון ערשטען שטאָק אין לאָ-עליכם צו-בראָכען א פֿוס און אונגאַנצען זיך צוקאַ-לעטשעט. ער איז אָפּגעפֿיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל.

1-טער קלאַנג-קינאָ-טעאַטער
SPLENDID
נאַרוטאָוויטשאַ 20

היינט און ווייטערע טעג!
ליבע, קנאה, פֿלירט און אויפּאָפּפֿערונג אונטער די קוליסען פֿון קאַבאַרעט די פֿרעהליכע קלאַנג-קאָמעדיע א. נ.
דאָס זיסע מעדעל"
מיט דער בע'חנ'טער ליבלינג פֿון אייראָפּא אַננאַ אַנדראַ אין דער טיטול-ראָל. אין דער ראָל פֿון לאָפּעק
Zygfryd Arno

אָנהויב פֿון די סעאַנסען 6 אַ זייגער פּרייזען פֿון פּלעצער אויפ'ן זומער-סעזאָן 1 זל. 1.50, 2 און 2.50 זל. שבת אָנהויב 4 נאָכמ. פּרייזען ביז 5 נ. מ. 75 גראָשען און 1 זלאָטי. זונטאָג און מאָנטאָג אָנהויב 12 פּ.מ. פּרייזען ביז 3 נמ. 75 גר. און 1 זל.

אויסזיכטען אויף אַ שפּעטיגע שנים

(ד) דאָס גערעטעניש אויף פֿרוכטען איז הייאָהר אַ גאַנץ נישקשה-רונגס. דאָס זעלבע איז מיט די אויסזיכטען אויף תבואה און קאַרטאָפֿעל. דער ברכה-רעגען און די זון צו דער צייט לאָזט האָפֿען, אַז תבואה און קאַרטאָפֿעל וועט זיין זעהר א סך.

אין קאַמף פֿון ליידענשאַפֿטען

ראָמאַן פֿון לאָדזער לעבען

(45-טע פֿאָרטזעצונג)

דער גענעראַל האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט און נאָך א מינוט שווייגען האָט ער זיך אָנגערופֿען:

— ווירקליך, רידוואַרד, איך זעה, אַז איך בין געווען אונגערעכט צו דיר און איך בעט די זאָלסט מיר מוחל זיין און פֿערגעסען דערוועגען.

אין דער אמת'ן האָט ער דאָס געזאָגט בלויז דערפֿאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט באַלד אין ערשטען טאָג, ווי די פֿרוי איז איהם געקומען צו פֿאָהרען, אָנהויבען א קריגעריי מיט איהר ברודער. וואָס האָט געקענט האָבען ערנסטע פֿאָלגען.

אָבער אין מאָמענט, ווען ער האָט פֿערלאָזט זיין שוואָגערס צימער, ער האָט אָנגענומען א פֿעסטען בעשלוס:

— די דאָזיגע פֿרוי מוז פֿערלאָזען מיין הויז! — האָט ער געטראַכט. — רידוואַרד איז בעגאַנגען אַנ'אונבעשרייבליכע נאַרישקייט. ער האָט זיך אויסגעקליבען אַלס פֿרוי א פּראָסטיטוטקע פֿון ווייטשעפּעל.

אין דער אמת'ן געהט דאָס מיך א סך נישט אָן. זאָל ער טון, וואָס ער וויל, אָבער אין מיין הויז טאָר מאַרי לענגער נישט פֿערבלייבען.

אָבער ניין, דאָס איז צו ווייניג, נישט בלויז, וואָס איך וועל זי פֿון דאַנען אַרויסוואַרפֿען, נאָר איך וועל שטערען זיין דעם נאַרישען שידוך. דאָס איז דאָך א שאַנדע פֿאַר דער גאַנצער משפּחה.

גענעראַל הערקאָמער וועט קיינמאָל נישט זיין דער שוואָגער פֿון א גאַסען-פֿרוי!

איך מיין, אַז איך וועל מיר דאָ שוין געבען אַנ'עצה.

אַז ער איז אַריינגעקומען אין עס-צימער, וואו עס האָבען איהם ערוואַרט ביידע דאַמען און לאָרד טשאַמפּלין, האָט ער אויסגעוויזען צו זיין ענטציקט מיט מאַרי'ס רייצענדען און שעהנעם פּנים.

רידוואַרד, — האָט ער געזאָגט, עפֿענדיג, — איצט פֿערשטעה איך, וואָס דו האָסט אויסגעקליבען מאַרי'ן פֿאַר דיין פֿרוי.

איך, פֿון מיין זייט, וועל זיך בעמיהען אַז אייער התונה זאָל זיין דער שענסטער פֿעסט פֿון גאַנץ סידנעי.

די ווייטערדיגע ווערטער האָט איהם איבערגעריסען א דינער, וואָס איז אַריינגעקומען מיט א בריף אין דער האַנד.

— דאָס איז פֿון טורמע-דירעקטאָר, — האָט געזאָגט מיט פֿערוואונדערונג. — ווייזט אויס, עס איז געשעהן עפּעס וויכטיגעס, איהר וועט מיר דעריבער מוחל זיין, וואָס איך וועל דעם בריף איבערלעזען אין אייער אָנוועזענהייט.

מיט א שנעלער האַנד-בעוועגונג האָט דער גענעראַל אויפֿגעריסען דעם בריף און איבערלויפֿענדיג גיך דעם אינהאַלט, האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבען ווירקליך א בעווייז, אַז מיט פֿערברעכער טאָרען מיר נישט אומגעהן זיך מיט רחמנות.

איך חזר דאָס איבער ביי יעדער געלעגענהייט. בנוגע צו די דאָזיגע אויסוואורפֿען איז מין קיינמאָל נישט נענוג שטרענג.

אָט שרייבט צו מיר דער טורמע-דירעקטאָר, אַז איינער פֿון די פֿערברעכער איז ענטלאָפֿען פֿון די הענד פֿון די פּאָליציי אויפ'ן וועג פֿון פּאָרט.

דאָס איז באמת א רעטעניש שווער צו פֿערשטעהן. די אַרעסטאַנטען האָבען זיך געפֿונען אונטער אַנ'עקסקאָרטע. יעדענפֿאַלס איז עס א פֿאַקט, אַז נאָכדעם, ווי די אַרעסטאַנטען זענען געבראַכט געוואָרען אין דער תּפיסה און מען האָט נאָכאַמאָל איבערגעצעהלט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז איינער פֿעהלט.

דער פֿערברעכער איז ענטלאָפֿען אין דער שטאָט און שפּעטער איז ער אין שטאָטישען גאָרטען בעפֿאַלען עפּעס א הער און איהם צוגערויבט געלד און ווערט-זאַכען.

די פּאָליציי, וואָס איז אין דער לעצטער מינוט גע-קומען צו הילף דעם בעפֿאַלענעם, האָט געכאַפּט דעם פֿער-ברעכער. ער האָט אָבער געשאָסען אַזאַ שטאַרקען ווידער-שטאַנד, אַז עס איז איהם געלונגען אויך דאָסמאָל צו ענט-לויפֿען.

ער שלעפּט זיך זיכער אַרום אין דער שטאָט און איז א געפֿאַהר פֿאַר די רוהיגע איינוואוינער פֿון סידנעי.

דער טורמע-דירעקטאָר האָט געהאַלטען פֿאַר זיין חוב מיר מודיע צו זיין וועגען דעם און ער בעט מיך, איך זאָל אונטערנעמען אַלע מיטלען צו פֿאַקען דעם ענטלאָפֿענעם.

דער ענטלאָפֿענער איז איינער פֿון די געפֿעהרליכסטע פֿערברעכער פֿון ענגלאַנד. — ער רופֿט זיך דזשעק.

22. קאַפּיטעל

אַבּעס נדיג מיטאָג, איז גענעראַל הערק מיר אוועק אין זיין פּריוואַט-קאַבינעט, וואו ער האָט זיך געזעצט צום טיש און שנעל אָנגעשריבען א בריף.

פֿערמאַכענדיג דעם קאָנווערט, האָט ער א קלונג געטון אויף ריימאָנד'ן, זיין פּריוואַט-סעקרעטאַר.

אין א ווייל ארום האָט דער סעקרעטער זיך בעוויזען אויף דער שוועל און זיך פֿערבויגען:

— צו אייער דינסט, עקסעלענץ!

— איך האָב פֿאַר אייך א געוויסען אויפֿטראַג, ריימאָנד, — האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט.

— גיט אָפּ דעם דאָזיגען בריף אויף דער אָנגעוויזע-נער אַדרעס איך בעט דערביי צו געדענקען, אַז דאָס מוז זיין שטרענג בסוד.

וואָס שייך דעם קען אייער עקסעלענץ זיין פֿולשטענ-דיג זיכער. כאָטש מען דערמאָנט מיך אַפֿילו נישט, האַלט איך אַלע ענינים פֿון אייער עקסעלענץ פֿאַר שטרענג בסוד. דעריבער רעכען איך, אַז אייער הויכקייט קען מען מיר אי-בערגעבען צו ערלעדיגען די גרעסטע געהיימנישען.

— איך ווייס וועגען דעם אויסגעצייכנעט, ריימאָנד, — האָט דער גובערנאַטאָר געשמייכעלט צופֿרידען. — יאָ, איך קען מיך אויף אייך פֿערלאָזען און ביז איצט האָב איך נישט געהאַט קיין גרונד אייך צו מאַכען א פֿאָרוואורף. און אַלס צייכען פֿון אנערקענונג פֿערטרוי איך אייך די מיסיע פֿון היינט אָן.

(פֿאָרטזעצונג קומט).

אויף צו-להכעיס

(ענדע פון זייט 6)

הײנטיגע וועלט.

אין ענגלאנד האט די בורזשואזיע אויפגעבויט א גרויסע ענגלישע בורזשו־אזע קולטור, א קולטור א זויערע, א קולטור, וואס שווינדעלט קלוג מיט'ן הארעפאשנעם פאלק און פערפיהרט עס אין הרי חושך.

מיר דאס געמלײכע זײן פײ אונז אויך, די יודישע קאפיטאליסטען האבען גע־שאפען א בורזשואזע קולטור, א קולטור, וואס וויל ארײננארען דעם יודישען פראלעטאריאט אין זאק ארײן.

מיר האבען קײן אנדער עצה נישט, מיר מוזען זיך צופאסען צום מארקסיזם.

אלע פעלקער זענען אזוי ווי געבוירען געווארען פאר דער מארקסיסטישער קלאסען־טײלונג און פאר די קאנסעק־ווענצען פון דער קלאסען־טײלונג, פאר די געוואלדיגע רײבונגען און פאר דער רעוואלוציע.

טארען יודען נישט זײן קײן אויס־נאהם.

נעהמט אן פײ די יודישע קאמוניסטען איצט א פיבערדיגע בעארבײטונג פון דער יודישער געשיכטע לויט'ן מארק־סיסטישען קוק אויף דער וועלט און אויף מענשען.

און די געגענווארט איז שוין דאך אונ־זאנצען פון זיך צלײן געווארען פארטיג פאר דעם מארקסיסטישען אנאליז.

איז ווען א רויט פאר פאלק ברענגט א קינד אויף דער וועלט, זאגט מען זיי: אָז, אז זיי זאלען עס נישט מל'ן, ווײל די יודישע קאפיטאליסטען ווילען עס, זיי האבען צוגעגרײט מוהלים און אלע אנדערע כלי קודש פאר דעם. היט זיך!

פרעגט אײן יוד די אלטע, אלטע פרא־גע — פארוואס רופען זיך נישט אפ די רבי'ס, די יודען מוליאנערען אויף דעם הילפס־רוף פון די ישיבות.

עס איז נישט קײן פראגע.

דא ווערט קאנסטאטירט אנ'אלטער, גרוי־אלטער פאקט.

יודישע קאפיטאליסטען האבען נישט צו טון מיט יודישקײט.

פון אנהויב אן האבען די ארימע יו־דען געטראגען אויף זיך דעם יאך פון יודישקײט, די רבי'ס, די יודישע גבירים זענען אפילו גאר אמאל, ווען יודען האבען זנגלעבט אין זײער לאנד, אויך געלאפען צו פרעמדע, דא צו די גריכען און דא צו די רוימער.

עס איז אפשר אונזער ברכה, וואס די רבי'ס אנטלויפען פון אונז און לאזען די ארימע שאפען יודישע קולטור.

ווארום, ווער ווײסט, ווי עס וואלט אויסגעזעהן אונזער קולטור, ווען די רבי'ס וואלטען זי געשאפען.

עס וואלט, מסתמא, געווען אנ'אויס־געלאסענע קולטור, א קולטור א קראנ־קע, וואס וואלט אונז אומגעבראכט און אהן זיי האבען מיר אלײן געשאפען אונזער קולטור, וואס האט אונז געהאל־פען אזוי פעסט טויזענדער יאהרען, און גענעבען אונז אזוי פיל כוחות און מוט צו לײדען און לעבען.

אפשר לעבען מיר נאך אויף דער וועלט דערפאר, וואס די שעפער און די טרעגער און די שעפער פון אונזער קולטור זענען די ארימע, די בעשײדענע און די שטארקע.

און עס איז א לוגען, אז אונזער קול־טור חנפ'ט זיך צו די רבי'ס און קוקט זיך נישט אום אויף די ארימע.

די וועלטליכע יודישע קולטור איז דאך אויפגעוואקסען מאקע פאר די ארימע, די רבי'ס זענען אוועק צו אנדע־רע קולטורען און צו אנדערע שפראכען.

זענען געקומען די ארימע שרײבער און האבען פאר איהם, פאר'ן ארימען פאלק, געשריבען אויף זײן שפראך, זע־נען געקומען די ארימע לעהרער און הא־בען מיט די ארימע יודישע קינדער יו־דיש געלערנט.

ווער עס איז רײך, דער ראטעווט זיך פון יודיש און פון דער יודישער קול־טור, אזוי געהט שוין עטליכע דורות; רײכע אנטלויפען פון יודישען לעבען, פון דער יודישער קולטור.

און פון דער יודישער רעליגיע איז דאך אפגערעדט; דאס לויפען פון רײ־כע פון דער יודישער רעליגיע איז שוין אלט, זעהר אלט.

מעגען רויטע עלטערן מאכען ווײטע ברית'ן, אבער מאכען דערבײ א מינע, אז זי טוען עס דער יודישער בורזשו־אזיע אויף צופיקעניש, טארען זיי נישט.

זיי טוען עס זיך אלײן אויף צופיקע־ניש, ווארום די טרעגער אי פון יודי־שער רעליגיע און אי פון דער וועלטלי־כער יודישער קולטור זענען געווען און זענען נאך איצט די ארימע, די הארע־פאשנע מאסען, זײדעס און ברידער פון דעם רויטען פאר פאלק.

די קאמוניסטען זענען בעצם די יודען, וואס טוען זיך אלײן אויף צו־להכעים.

—080—

דער ציגיינער-יוד

(ענדע פון זייט 7)

בײ יעדער עלטקײט און נאטירליכקײט, בויגט זיך פאר דער נישט־יודישער וועלט, אפילו ווען ער מאכט אנ'אנשטעל, אז ער איז העכער פון איהר, אז ער איגנא־רירט איבער איהר. עס איז דער יודי־שער „עקר" — דער יעזונגר, וואס הוט די טויערן פון די הארעמס און האט א צערײצטע הארעמישע פאנטאזיע, איז דער צונישטער, דער גראטושסטער, מאקע ווײל דער אומפארלאבארסטער.

ווײסט איהר, אײגענטליך, וואס דער ראזינגער בען העבלט האט אנגעשריבען? נישט מעהר און נישט־ווענינער, ווי א ציוניסטישען ראמאן. עס מאכט נישט אויס, וואס ער זידעלט יודען אויף וואס די ענגלישע שפראך שטעהט, וואס ער מאכט חוזק פון יודישען גײסט און דעם יודישען גוף, וואס זײן בוך וואלט גע־קאנט זײן א פרעמיע פאר דעם וויגער „קיקעריקי", דעם אנטיסעמיטישען וויצ־בלאט. עס איז אויך זעהר אומוויכטיג, וואס בען העבלט מעגינט דעם ציוניזם און דאס יודענטום מיט גאנצע עמערס שמוציגע ווערטער — בכלל די עמקות און די עלעגאנץ פון די דיאלאגען פײ בען העבלט וואלט געקאנט אויסגעשטעלט ווערען אין א קוריאזיטעטען־צירק! — עס איז אויך זעהר ווענינג אינטערעסאנט, וואס אט דאס העבלט'ל בעבעט אן ווענען סאציאלע און אנדערע פראגען. וואס קאן מען פון איהם ערווארטען?

מאקע, ווײל בען העבלט האט אינטע־ליגענץ אויף א שפיץ־מעסער און די לא־גיק פון א צעהן־יאהריג מײדעל — איז מאקע, ווײל דאס בעסטע און גאנצען בוך איז דער פארטרעט, דאס ווזזעלע, דאס געזעהענע, דאס אינסטינקטיווע — מאקע דערײבער איז דאס בוך, ווי איך האב געזאגט, במעט א „טרעקט" פאר דעם ציוניזם. ווארום אויב יודען ווערען מאקע אזוי, ווי דער ראזינגער „בעפריי־מער" באשער איז, אויב די פרי פון דעם אלטען נים־בוים ווערט א פוילע, הוילע נוס, דעמאלט איז באמת בלויז פאר־האן אײן ענטפער אויף דער וועלט, אײן אויסגאנג פאר יודען: ארויס פון דער ראזינגער פערסמ'טער סביבה, בעפריי־אונג — אפילו ווען די בעפרײאונג מײנט אונטערגאנג.

און נישט פאר יודען איז אזא ענט־פער — גאר איך פאר אלע פעלקער, וואס לעבען מיט די יודען. באשער איז אזא אומגליקליכער מענש, אזא עלענ־דער, אזא אײנזאמער, אז ער „צעברעכט דאס הארץ". און באשער איז אויך א געפעהרליכער מענש. ער טראגט אין זיך א מין באציל פון פערפוילטקײט, פון חורבן, פון אונטערגאנג.

אט אזוי באשער — געטריבען צום עקסטרעם, באשער און דער קאריקאטור. און אזוי זעהט אויס דער יודישער מענש, ווען עס מאלט איהם א נישט־קינסטלער, א פלאכקאפ און א זשורנאליסט מיט פאראדיסטישע אינסטינקטען. אזוי מאלט איהם א יוד — אהן טאלאנט.

איך קעהר זיך אום צו מײן פארשלאג: זאלען די בײז העבלט'ס נעהן און די הע־גען פון די בערלאוויטס'ס, בעשרײבען ציגײנער, האטענטאטען, אדער נעגער גע־שיכטען, ווי אקטאוויוס ראי קאהען טוט עס, נאר יודען זאלען זיי לאזען צורוה. עס איז א צו שווערער ביסען פאר — צי־גײנער־צײהן. עס איז א צו־הײסער פײ־ער, די יודישע נשמה.

און ווען זיי וואלטען געווען אבוסעל געבילדעטער, אדער ערנסטער — וואלט איך זיי געווארענט מיט דער אלטער מיסטישער אזהרה פון דער מערקווירדיג יודיש־גנאסטישער סעקטע, די „אלי כסאי" (פון דעם צווײטען יאהרהונ־דערט): „קינדער, געהט נישט נאהענט צום פײער — כדי איהר זאלט נישט פערבלאנדזשען; דערנעהנטערט זיך צו זײן שײן — געהט בעסער נאך דעם וואסער". וואסער־ווערטער, וואסער־אפ־ציעס, וואסער, אבער פײער, קינדער, יודישער פײער, ווקט זיך אפ — איהר וועט נאך פערברענען אײערע כאלירטע ציגײנער־שמאטעס! און איהר ראפט ווי נאך האבען — ציגײנער!

מעבעל
די פירמע איז פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון
שלאף-צימער, עס-צימער, קינדער-צימער
א. ז. וו. קאמפלעטע אײנריכטונגען ווי אויך אײנצעלנע מעבעל-שטיק.
די פרייזען רעדוצירט אויף 50% אויף די בעסטע בעדינגונגען עמפפעהלט די גרעסטע און רעעלסטע מעבעל פירמע אין לאדז
MARKOWICZ i NASIELSKI PIOTRKOWSKA 6
tel. 149-71 פאבריק: POŁUDNIOWA 10
קומט און איבערצייגט אייך
מעבעל
קומט און איבערצייגט אייך

וויכטיג פאר די וואס הייראטען
און ווילען זיך אייננארדנען עלעגאנט און ביליגער ווי איבעראל ביטע צו בעזוכען מיין
מעבעל-ווערקשטאט Ch. Recht Narutowicza 9 w podwórzu
וואו איהר בעקומט שטענדיג אויף לאגער פערשידענע פערטיגע מעבעל פון די איינפאכסטע ביז די פיינסטע מיט לאנגיעהריגער גאראנטיע. איך נעם אן יעדע ארט בעשטעלונגען לויט די נייעסטע מאדעלען. בעמערק.: נאכ'ן סעפערירען זיך מיט ה' פלאקאוויטש פעטריקאווער 145 געפינט זיך מיין ווערקשטאט אויף דעם אויבענאנגעוויזענעם אדרעס.

נייער פאהר-פלאן פון די באהנען

גילטיג פון 15. מאי.

לאדזער פאבריקס-וואקזאל

קומט אן:

פון קאלושקי (פערב. מיט ווארשא)	2,26
„ „	4,15
„ „	5,35
„ „	6,55
„ „	7,19
„ „	7,34
„ „	7,50
„ „	8,37
„ טשענסטאכאוו	9,19
„ קאלושקי (מאנטאג און נאך חגא)	9,55
„ „ (פערבינדונג מיט ווארשא)	10.27
„ „	13.02
„ סקארזשיסק (פערב. ווארשא)	14,47
„ ווארשא (מיט רעסטאראן-וואגאן)	16,10
„ קאלושקי (פערבינדונג ווארשא)	17,37
„ קאלושקי	19,59
„ ווארשא	20,45
„ קאלושקי (בלויז אין חגא-טעג)	21,24
„ „	22,02
„ „	22,52
„ סקארזשיסק	23,10
„ קאלושקי	23,42

פאהרט אפ:

קיין קאלושקי	0'35
„ „ (פערבינדונג מיט ווארשא)	1,45
„ „ (פערב. טשענסטאכאוו)	2,45
„ „ (פערבינדונג ווארשא)	5,50
„ „	6,50
שנעלצוג קיין ווארשא	7,45
קיין קאלושקי (זונטאג, חגא)	9,02
„ סקארזשיסק	9,50
„ קאלושקי	10,56
„ „ (פערב. מיט ווארשא)	11,35
„ „ (פערבינדונג ווארשא)	13,58
„ „	15.05
„ סקארזשיסק	15,25
„ קאלושקי (פערבינדונג טשענסטאכאוו—קאטאוויץ)	16,05
„ „ (פערבינדונג ווארשא)	16,55
„ „	17,50
„ „ (פערבינדונג ווארשא)	18,30
שנעלצוג קיין ווארשא (מיט רעסטאראן-וואגאן)	19,10
קיין קאלושקי	19,30
„ „	20'20
„ „ (פערבינדונג קאטאוויץ)	21,20
„ „ (פערבינדונג ווארשא)	21,55

קאלישער וואקזאל

קומט אן:

פון פויזען	0,21
„ ווארשא	1,00
שנעלצוג ווארשא	3,39
„ פון ווראצלאוו (דורך לעשנא—אסטראוו)	3,43
פון קוטנא, פלאצק	4,17
„ אסטראוו-וויעלקאפ.	4,49
„ הערב. נאווע—קאטאוויץ (דורך זד.-וואליא)	5,25
„ קראקא—קאטאוויץ	6,21
„ לאסק (אין וואכענטעג)	7,10
שנעלצוג פון פויזען—בערלין	7,30
פון לאוויטש	7,35
„ קוטנא—גדיניע (פלאצק)	8,05
„ אסטראוו-וויעלק.	8,47
„ לעמבערג (שלאף-וואגאן 3. קלאס)	9.15
שנעלצוג פון ווארשא	9,22
פון לאסק (זונטאג)	10,55
„ ווארשא	11,30
„ פויזען	12,15
„ קוטנא—פלאצק	12,52
„ לאסק	15,30
„ פויזען	17,54
„ קאלושקי	18,50
„ נאווע-הערב, טשענסטאכאוו (זד.-וואליא)	19,40
„ קוטנא—פלאצק	19,45
שנעלצוג בערלין—פויזען	20,20
פון ווארשא (שלאף און רעסטאראן-וואגאן)	21,34
„ לאסק (פרייטאג, שבת, זונטאג, חגאות)	21,48
„ קוטנא—פלאצק	22,28

פאהרט אפ:

קיין קוטנא—פלאצק	0,32
„ הערבי-נאווע—קאטאוויץ (זד.-וואליא)	0,42
„ אסטראוו—לעשנא	1,18
שנעלצוג קיין ווראצלאוו (דורך אסטראוו)	2.47
שנעלצוג קיין ווארשא	3,51
קיין ווארשא	5,04
„ פויזען	6,40
שנעלצוג קיין ווארשא	7.38
קיין קאלושקי	8,35
„ לאסק (קאלומני)	9,05
שנעלצוג קיין פויזען	9,35
קיין קוטנא	9,45
„ פויזען	11,45
„ קוטנא	12,25
שנעלצוג ווארשא	13,10
קיין לאסק	13,40
„ פויזען	15,10
„ קוטנא—פלאצק	15,20
„ לאוויטש	15,35
„ נאווע-הערבי, קשענסטאכאוו	17,40
„ ווארשא	18,10
„ אסטראוו-וויעלקאפ.	19,35
„ לאסק	20,00
„ לאוויטש	20,25
„ לעמבערג (פערבינדונג בוקארעשט)	20,42
שנעלצוג פויזען - בערלין (שלאף-וואגאן)	21,42
קוטנא (פלאצק) גדיניע	22,00
קיין קאטאוויץ—קראקא	22,55

אנטווארט צו די פערוואלטונג פון „נותן לחם"

אין 16/6 האבען מיר בעקומען בריף פון די פערוואלטונג פון „נותן לחם" אז מיר זאלען געבען אנ'ערקלערונג וואס פאר מיספער־שטענדנישען מיר האבען געהערט אין פעראיין. ערשטענס האבען מיר געהערט אז עס איז אויסגעוועהלט געווארען א קאמיסיע צו רעמאנטי־רען דעם לאקאל פון פעראיין, די פאלגענדע פערזאנען: שמואל פטא־שניק, יצחק פראשקער, דירעקטאר וואלף מילגראם האבען זיי איינגע־קויפט א גאלדען בוך בערעכענט 160 זל. יעדער קאן דאס זעהן אז מעהר ווי 25 זל. קען דאס נישט קאסטען. ווייטער מען דאווענט יעדען שבת אין פעראיין. אין ימי נוראים איז פערדינגען געווארען 180 שטעט פאר פרויען צו דאווענען אין גוטען געלד. יעדער פרוי האט גערע־כענט אז דאס געלד געהט פאר'ן פעראיין „נותן לחם", האט מען גע־הערט אז עס פעהלט ביז 800 זל. עס איז נישט געווארען פערשריבען אין די ביכער פון „נותן לחם" וויפיל געלד עס איז געפאלען. דער פרעזעס האט פערלאנגט א בעריכט פון די שעפט מיט די נדרים האט דירעקטאר מילגראם געזאגט אז דאס געלד געהערט צו די גבאים שמואל פטאשניק און יצחק פראשקער זיי זאלען געבען די וואס דא־ווענען אין פעראיין פעסלעך ביער און ברויט מיט הערינג. די פירמע פאזנאנסקי שפענדעט יעדעס יאהר סחורה, היי-יאהר האט זי צוגעשיקט א בעגלייטשיין פון 70 זל. סחורה. דאס פריהערדיגע יאהר האט מען דערקענט ביי דעם נייען די סחורה קליידלעך האט דער פרעזעס גע־וואלט איבערגעבען צו די מאכט האט מען איהם געשיקט 20 זל. דער־פאר. מיר האבען נאך צו ערקלערען מיר לאזען דאס איבער אויף א צווייט מאל, עס איז נישט דערלאזבאר אזעלכע פערזאנען צו געוועל־טיגען איבער פילאנטראפישע געלדער מיר בעטען דאס פובליקום נישט פריהער צו שפענדען פאר'ן פעראיין „נותן לחם" ביז די פערזאנען שמואל פטאשניק, יצחק פראשקער און דירעקטאר וואלף מילגראם ווע־לען זיך אפזאגען צו זיין פערוואלטונגס-מיטגלידער.

מיט דרך ארץ

מרדכי כאמאוויטש מאיר מינסקער בעריש וויינקראנץ
שמואל גלאנץ הערשל האמער דוד הערש גערטלער.

קינא ZACHĘTA זגיערזשער-גאס 26.
היינט און טעגליך! הערליכער דאפעלט פראגראם!
1-טע בילד. אויפ'ן ווונש פון פובליקום ווערט ווידער געגעבען די הערליכע סענסאציאנעלע סאלאן דראמע — א.נ.
„ברודיג געלד"
אין דער הויפט - ראל: אננא מאי וואנג
2-טע בילד א. נ.
ליבע אין עקספרעס צוג
וואס שפרודעלט מיט זעלטענעם הומאר און פיקאנטען פארס.
אין דער הויפט - ראל: מארי פרעראסט.
אנהויב פון די סעאנסען אין די וואכען טעג 5.30 נאכמיט. שבת, זונטאג, חגאות און יום - טובים 3 א זייגער נאכמיטאג. ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' י. סטעפאנסקי. פרייזען ערמעסיגט.

אין די בעוואוסטע פירמע פון אייזען-מעבעל-פאבריק
B. I. WOŁKOWYSKI, ŁODZ
פאבריק-לאגער:
נארוטאוויטשא (דזיעלנא) 11, טעל. 137-70
(עקזיסטירט 18 96 יז)

איז: א מביליגסטע א מבעסטע א מבעקוועמסטע
אויסוואהל פון מעטאל-בעטען, מאטראצן אלערארט
קינדער-וועגעלעך אין גרעסטען אויסוואהל. —
אאייז קאסטענס פעלד בעטען הולצענע און מעטאלענע א. ד. גל
בעדייטענד נידריגע פרייזען
בעמערקונג: מיר בארגען אויס בעט'ן אויף זומער-וואוינונג

אלע מוזען וויסען,
אז ביי מיר איז צו בעקומען אמביליגסטען באדע-הויזען מענער און דאמען אויך קינדער־הויזען פון 75 גראשען ביז 4 זלאטים א פאר אויך שפיל-הייזלעך, ספארט-יאקען, פוסבאל־בלוזען, יעדע ארט זומער-זאכען.
ה. סקאסאווסקי, נאוואמיעסקא 29
פראנט 1-טען שטאק
די פירמע עקזיסטירט זייט יאהר 1900.



ס'איז ערעפענט געווארען
אויגען-קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פעטריקאווער 90 טעל. 221-72
נעמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוו עקס אפעראציע א.אז.ח.) ווי אויך אמבולאטארישע פון 9—1 און פון 4—7.30 אווענד.

אליכם אישים אקרא
וקולי אל בני אדם
בצדק כל אמרי פי
ואין בהם נפתל ועקש
אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אנ־געזועהטאגטע ענינים זאלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביורא
פעטריקאווער 17
2-טער הויף פארטער
דורכגאנג זאכאדניא 52, טעל. 148-79.
וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי פיטעס, קלויזולעס און זא־בעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען אין משך פון 24 שעה. אפע־לאציעס, אפאזיציעס, אדוואלאגיעס, רע־קורסען וועגען פעסער, וויזעס אין קא־מיסאריאט-זשאנדר, וועקסעל-אינקאסא אויף גאנץ פוילען און גאליציען ווערען פינקטליך און געוויסענהאפט ערלעדיגט צו די ביליגסטע פרייזן. שותפות-אקטען, סטאטוטען, איבערזעצונג אינטערוועציעס, אקטן, דאראווענעס אלערליי ספראוועס ווערען אנגענומען אדורכצופיהרען, עווענ־טועל מיט אנ'אדוואקאט.
י. מאנעלא
2-טער הויף פארטער, דורכגאנג זאכאדניא 52, טעל. 148-79.

דאס קאנצעסיאנירטע עלעקטראטעכנישע ביורא
פון
מ. וואלדמאן
נעמט אן ליכט- און קראפט-אנלאגען צו מעסיגע פרייזען. ביים טעמפורירער נ. וואלדמאן,
ווסכאדניא 50

וויכטיג פאר דאמען!
מאכט איך די עלעגאנטסטע דאמען - היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלטעסטע היטע איבערארבייטע איך אויף בענצליך ניי. געדענקט דעם אדרעס:
נאר פאר 2.50 זל.
23 זאוואדזקא 23
אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער. בעמ.: נייע היטען די לעצטע נייהייטען אין פיינער אויס־פערטיגונג — 50 פראצ. ביליגער ווי איבעראל
„TOLA"

געוועזענער מיליטער-בעאמטער
ב. מאן,
פיעטריקאווער № 10
שרייבט ביטעט און גיט געוויסענ־האפטע עצות אין אלע
מיליטער - ענינים.
ספעציאליסט פאר ביטעס שרייבען פאר איינציגע שפייזער

טוך- און קארט-לאגער
Sz. Maroko
לאדז, נאוואמיעסקא № 2
פראנט 1-טער שטאק, טעל. 15948.
עמפעהלט צום פריהלינג און זומער-סעזאן גרויסען אויסוואהל פון די נייעסטע און בעסטע דאמען- און הערען-שטאפען

טשאפקעס 4 זלאט.
אין אלע פארבען צו
סאקעווקעס
פילצענע און זיידענע פיינסטע אויספערטיגונג

מבינים און פיינשמעקער טרינקען נאָר דאָס קאָנקורענצלאָזע — אין זיין קוואַליטעט **ביר:** „Jasne Wyborowe" מינכנער, ביעריש, דונקעל־זיס
Tow. Akc. Sukc. K. Anstadta w Łodzi, Pomorska 34/36.

גרעסטער, עלעגאַנטסטער אבער דער ביליגסטע אויסוואהל פון **מעבעל**
I. NASIELSKI 9 פיעטרקאָווער 9 — טעלעפאָן נומער 147-09 —
איך עמפפעהל די שענסטע שלאָף־צימער, עס־צימער, קאַבינעטען, ווי אויך איינצעלנע שטיק אויף די בעסטע בעדינגונגען. צו די ביליגסטע פרייזע
אַנקוקען מיין געשעפט איז קיין פערפליכטונג.
צוליב דעם קריזיס זענען די פרייזען ערמעסיגט פון 25 ביז 50 פראָצ.

KINO-TEATR **SPÓŁDZIELNI** Sienkiewicza 40.
אָנהויב פון די סעאַנסען 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. אויף׳ן ערשטען סעאַנס זענען די פרייזען פון אַלע פּלעצער צו 30 און 40 גר. אויף די איבעריגע סעאַנסען צו 40, 60 און 80 גראָשען. אָרקעסטער אונטער לייטונג פון ר. קאַנטאָר.
היינט און טעגליך! צום ערשטען מאָל אין דעם סעזאָן
אין דער נעץ פון שאַנטאַזשיסטען
גרויסער דראַמאַטיש־סענזאַציאָנעלער פילם, וועלכער האַלט דעם צושויער פון אָנהויב ביז׳ן סוף אין דער גרעסטער שפּאַנונג. אין די הויפט־ראָלען:
LILJAN WEISS i BRUNO ARNO
אויסער׳ן פּראָגראַם: די דזשאַזבאַנד־פירשטין פּרעכטיגע קאָמעדיע אין 10 אַקטען. הויפּט־ראָל: **Anny Ondra**
אין קורצען: צום ערשטען מאָל אין לאָדז „דער בלוטיגער פּערל"

קינאָ־טעאַטער „Przedwiośnie" Zeromskiego 74/76
היינט און וויטערדיגע טעג!
„מעסאַלינאַ"
דער גרעסטער פילם אויף דער וועלט! מאַיעסטעטישע וויזיע. בלוטיגע עפּאָכע פון די צייטען פון דער רוימישער ממשלה לויט׳ן קונסט־ווערק פון Enric Gwarzeni
אין דער הויפּט־ראָל די שענסטע פרוי פון איטאַליען **Hr. Rina De Lignoro**
דער נאָהענטסטער פּראָגראַם: „דער זוהן פון ווייסע בערג" אין דער הויפּט־ראָל דער באַקאַנטער ספּאָרט־מאַן Lais Trenker און Mary Glory

Gimnazjum Żeńskie
Józefa Aba w Łodzi
מיט רעכט פון רעגירונגס - גימנאַזיעס.
זשעלאָנאַ 10 טעל. 122-12
ביטעס פאַר ניי־איינטרעטענדע שילערינס נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פון גימנאַזיום ביזן 28 יוני איינשליסליך פון 1—10 נ"מ
דירעקטאָר (—) י. אַבּ.

צו פערקויפען
אַלערליי שמעליץ, גענוצטע ביער־פעסער און אַנדערע (אייך, בלעכענע קאַנען א. אַ. וו.)
אַפּערטען אָפּצוגעבען אין
Tow. Akc. Sukc. K. Anstadt
Łódź. Pomorska 34/36.

KRYNICA
ווילאַ טאַטצרסקאַ אָרדינירט ווי שטענדיג
Dr. Berkman

אַפּאַראַטען צו גומעס,
נייער סיסטעם אויף לאַגער. איבערצואַרבייטען אַלטע אויף נייע (צו טריקאָטאַזשען). ס׳ווערען צוגענומען אַלערליי רעפּעראַטורען פּיעטריקאָווער 271, ביים מעכאַניקער. דאָרט ווערט אויך אָנגענומען צו רעפּערירען קינאָ־אַפּאַראַטען.

BEZPŁATNIE!
Pierwszy **kupon** na otrzymanie tabliczki czekolady
OPTIMA S. A.
Za złożeniem niniejszego oraz dalszych dwóch kuponów znajdujących się na czekoladach: Mleczna, Gorzka, Milka-Nut, otrzyma oddawca 1 tabliczkę 100 gr. czekolady w każdym sklepie. lub fabryce
OPTIMA S. A.
Kupon do wycięcia

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
1 זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט־קראַנקהייטען און מענערשוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער, קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערוועז־קראַנקהייטען.
קוואַרץ־לאַמפּ־עלעקטרישער הייל־קאַבינעט • סאָסמעטיק.
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונד
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכם.
בעזונדערע וואַרטע־צימער פאַר פרויען.
וויזיט 3 זלאָטעס

ווי־כטיג פאַר די ה"ה הויזבעזיצער אין לאָדז.
איך נעהם אָן גרעסערע וואוין הייזער אין פאַכט אָדער אין פערוואַלטונג. איך גיב פּראָאָוויסאָהלונגען. באַנק און פּריוואַטע רעפערענצען, בעדינגונגען לויט אָפּמאַך.
N. Gąbinski, Łódź, Zachodnia 15/3 tel. 13108

Hurtownia

OPON
części zamiennych
wszystko do Pańskiego Auta
najtańsze ceny w Polsce
„BERSON", Łódź M. ROZENTAL i CH. TENENBLUM Narutowicza 16, tel. 128.30

In Zoppot
3 oder 4 Zimmer in jüdischem Hause mit alleinküche zur Saison billig abzugeben. Offerten F. K. in der Redaction.

צו אַ גוט איינגעאָרדענט געשעפט צענטרום שטאָט
ווערט געזוכט אַ שותּף
מיט אַ קאַפּיטאַל פון 2—3 טויזענד דאָלאַר יעהרליכער פערדינסט ביז 1000 דאָלאַר. בראַנזשע פּערפומעריע־אַפּטעקשנע. אָפּערטען אין רעדאַקציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט" אינטערן נאָמען „גוטען געשעפט".

ס׳ווערט געזוכט
אַ מענער־מאַגאַזין־שניידער אַלס שותּף, אַ ווערקשטעל איז דאָ אויס׳ן אָרט. מ׳קען זיך ערקונדיגען שרודמיעסקאַ 52 (פריהער נייע ציגעלגאַס 18) וואוינונג 25 ביי קוואַשניעווסקי. 2940

2 שטובען מיט אַ קיך
מיט בעקוועמליכקייט אין צענטרום פון שטאָט פון זאָפאָרט איבערצוגעבען. צו ערפאַהרען ביים צייטונגס־פערשפּרייטער פּיעטריקאָווער 10

אַ צימער צו פערמיטען
אויף אַ פּראָצאָווניע ביי פּישעף, פּולנאָצנאַ 9 אין די פערקויף שטעלע פון פערשידענע מאָלער־שאַבלאָנען און שפּריצמאַשינען.

קאָלערטע און ווייסע דאַמען־וועש
ROBOTA RĘCZNA—האַנד־אַרבייט
נעמט אָן צו שטיקען און נייען מיט אייגענע ווי אויך צופּערטראָגטע וואַרע ווי Petite-reine Crêpe-de-Chine א.ז.וו. אַלעס לויט פּאַריזער און ווינער זשורנאַל. זאַוואַדזקאַ 27 בלייוויס. טעלעפאָנירט 32-186 קומען מיר צום קונדע

געגען שווייס פון פיס
און אָדציסקעס נוצט נאָר דעם שוין 20 יאָהר בעוואוסטען פּראָשעק אין פלאַסטער „ראַדיקאַל" היט אייך פאַר פערשידענע עהנליכע נאָכמאַכונגען, וועלכע ברענגען קיין ניצען נאָר שאָדען די פיס און אייער געזונד. פרייז 30 גר אויף פלין „ראַדיקאַל" צו וואַנצען גאַראַנטירט אויף אַ גאַנצען זומער פרייז פון אַ פלעשעל 10 דעקאַ 70 גראָשען. צו בעקומען ביים צייטונגס־פערקויפער וועלניאַוש, אַלטע שטאָט 1, אויך ביים צייטונגס־פערקויפער פּנחס וועלניאַוש, פּיעטריקאָווער 34 רוג צעגעלניאַנאַ.

אַ בעקוועמער צימער
מיט בעזונדערן איינגאַנג פון קאָרידאָר איז פון זאָפאָרט ביליג צו פערמיטען פאַר 1 אָדער 2 יונגעלייט. צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע.

אַבאָנירט
— אין —
לאָדזשער טאָגעבלאַט
האָבט דעם גרעסטען פּראָפיט

„HERCLIJA"
PENSJONAT - INTERNAT
dla dzieci i młodzieży
w pięknym lesie
CZARNIECKIEJ-GORY
OTWARCIE 1-go CZERWCA r. b.
Korepetycja, gimnastyka, i rozrywki pod kierownictwem sił fachowych. | wszelkie kąpiele lecznicze, wykwitna kuchnia-
Najtroskliwsza opieka i pielęgnacja zapewnion
Dokładne informację i zapisy przyjmuje **p. Poznańska,** ul. Magistracka 20, telefon 20-10$_3$.

פּריוואַטע־גימנאַזיום
מיט רעכט פון רעגירונגס־גימנאַזיום פון
E. Jaszuńska-Zeligmanowa
Południowa 18, tel. 168-82
איינשרייבונגען פון נייע שילערינס אין אַלע קלאַסען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט טעגליך פון 10—1 און פון 5—7 אָוו.
ביים גימנאַזיום אַ פאָר־שול „קינדער־גאָרטען" פאַר קינדער פון 4 יאָהר אָן.
דירעקטאָרין (—) ע. יאַשונסקאַ־זעליגמאַן.

„הצפירה"
עתון יומי, מדיני וספרותי (נוסד בשנת תרכ"ב)
מופיע בורשה מיום הראשון, 15 מרץ 1931
בהשתתפות טובי הסופרים העברים.
הכתבת: „Hacefira", Warszawa, Leszno 54, tel. 709-95
מתקבלת החתימה:
בפולניה — לחודש 6 זהובים.
הכתבת למשלוח מכתבים:
„Hacefira", Warszawa, skrzynka pocztowa 509
בלודז „הצפירה" ישולח ע"י שליחים מיוחדים בבקר השכם.
בכל עניני „הצפירה" לפנות: לבא כח של „הצפירה" ז. ווינער, קונסטנטינובסקה 49.

אונאַבּרופליך די לעצטע טעג!
פּערקלענערטע פרייזען
אין **מוזעאום** פון
נאַטור־מערקווירדיגקייטען
56 פּיעטריקאָווער 56
טעטיג פון 11 פריה ביז 11 ביינאַכט.
איינטריט **50** גראָשען

געגען שווייס
און די פיס זאָלט איהר נאָר נוצען דעם פּראָשעק ראַדיקאַל מיט מיין סטעמפּעל, ווייל אַנדערע זענען געפעלשט און מיינע זענען גאַראַנטירט. דער פרייז איז נאָר 30 גראָשען אַ פּראָשעק. אויך צו אָטשיסקעס האָב איך אַ גאַראַנטירט מיטעל, פרייז 30 גראָשען. און צו וואַנצען און ווערצים האָב איך איין ווירקזאַם אַרטיקעל פאַר 50 גראָשען אַ פלעשעל. געדענקט דעם אַדרעס י. וועלניאַרז, לאָדז, אַלטע שטאָט 1. עס מוז זיין מיט מיין סטעמפּעל

Dr. Ludwik Wolf
היילונג מיט שטראָם פון אַ הויכע פרעקווענץ
Orig. Dr. Zeileiss
Warszawa Wspólna 54 m. 10 tel. 669-39

ביטשריפטען
אַקטען, ירושות, עצות
ערלעדיגט ביוראָ
זאַמעק, פּאָמאָרסקאַ 19

לעזט און אַבּאָנירט
לאָדזשער טאָגעבלאַט

Odpowiedzialny redaktor-wydawca: M. Hamburski
Drukarnia: E. i M. Hamburskichw Łodzi, Piotrkowska 16